STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04688

BARIKHT-FORTROG

Joseph Stalin

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert H. & Jane L. Weiner
in memory of
Sarah & Joseph Weiner & Rae & Milton Lasner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סטאַלין

באַריכט-פאָרטראַג

צום 17טן צוזאַמענפאָר

פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי

26טן יאַנואַר, 1934

ארויסגעגעבן פון דער

אידישער ביוראָ

באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן

●

ניו־יאָרק, מערץ, 1934

●

פּרייז 10 סענט

●

טיראַזש 5,000 עקזעמפּלאַרן

●

הויפּט־פאַרקויף:

FREIHEIT BOOK STORE
35 East 12th Street
New York, N. Y.

490

אַסטאָריאַ פּרעס
61 א. 4טע גאַס, ניו־יאָרק

1. דער דויערענדיקער קריזיס פון אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליזם און די אויסערלעכע לאַגע פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

חברים! פון זינט דעם 16טן צוזאַמענפאָר איז אַריבער מער ווי 3 יאָר. אַ פּעריאָד ניט זייער קיין גרויסער. ער איז אָבער מער ווי וועלכער ניט איז אַנדערער פּעריאָד אָנגעזעטיקט מיט אינהאַלט. איך מיין, אַז קיין איין פּעריאָד פון דעם לעצטען יאָרצענדליק איז ניט געווען אַזוי רייך אין געשעענישן ווי דער דאָזיקער פּעריאָד.

אין דעם עקאָנאָמישן געביט זיינען די דאָזיקע יאָרן געווען יאָרן פון דויערנדיקן עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס. דער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט ניט בלויז די אינדוסטריע, נאָר אויך די לאַנדווירטשאַפט אינגאַנצן גענומען. דער קריזיס האָט געבושעוועט ניט בלויז אין דער ספערע פון פּראָדוקציע און האַנדל. ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין דער ספערע פון קרעדיט און געלט־אומזאַץ און האָט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ די קרעדיט־און וואַליוטע־באַציאונגען, וואָס זיינען געווען איינגעשטעלט צווישן די לענדער. אויב פריער האָט מען נאָך וואו־ניט־וואו דעבאַטירט צי ס'איז פאַראַן אַן עקאָנאָמיער וועלט־קריזיס אָדער נישט, איז איצט שטרייט מען שוין ניט וועגן דעם, וואָרים צו קלאָר איז געוואָרן דער קריזיס און זיין פאַרניכטנדיקע ווירקונג. איצט שטרייט מען שוין וועגן אַ צווייטער זאַך — צי קאָן מען ארויסגיין פון דעם קריזיס, אָדער עס איז קיין אויסוועג נישטאָ, און אויב יאָ אַן אויסוועג, איז אַף וועלכן אויפן זאָל מען אים פאַרווירקלעכן.

אין פּאָליטישן געביט זיינען די דאָזיקע יאָרן געווען יאָרן פון ווייטערדיקער פאַרשאַרפונג אין די באַציונגען צווישן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און אויך אינעווייניק אין די דאָזיקע לענדער. די מלחמה פון יאַפּאַן מיט כינע און די אָקופּאַציע פון מאַנדזשוריע; די פאַרשאַרפטע באַציאונגען אַף דעם ווייטן מזרח; דער זיג פון דעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד און דער טריאומף פון דער נקמה־אידייע, וואָס האָבן פאַרשאַרפט די באַציאונגען אין אייראָפּע; יאַפּאַנ'ס און דייטשלאַנד'ס ארויסטרעטן פון דער פעלקער־ליג, וואָס האָט געגעבן אַ שטויס דעם וואוקס פון באַוואַפענונגען און דער צוגרייטונג צו דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה; די מפּלה פון דעם פאַשיזם אין שפּאַניע, וואָס ווייזט אַן איבעריק מאָל, אַז דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס ווערט רייף און אַז דער פאַשיזם איז ווייט ניט קיין אייביק דויערנדיקער — אָט דאָס זיינען די וויכטיקסטע פאַקטן פון דעם באַריכט־פּעריאָד. קיין וואונדער ניט, וואָס דער בורזשואַזער פּאַציפיזם גוסס'ט און די אַנטוואַפּענונג־טענדענצן ווערן אָפן און פּשוט פאַרביטן אַף טענדענצן פון באַוואַפענונג און צוגאָב־באַוואָפענונג.

צווישן אָט די בושעווענדיקע כוואַליעס פון עקאָנאָמישע אופטרייסלונגען און מיליטעריש־פּאָליטישע קאַטאַסטראָפעס שטייט דער סאָוועטנפאַרבאַנד באַזונדער, ווי אַ פעלז, און טוט זיך ווייטער זיין ארבעט פון סאָציאַליסטישער בויאונג און פון קאַמף פאַר איינהיטן דעם שלום. אויב דאָרט, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, בושעוועט נאָך אַלץ דער

עקאָנאָמישער קריזיס, איז אין פ. ס. ס. ר. (סאָוועטנפאַרבאַנד) גייט ווייטער דער אופשטייג סיי אין געביט פון דער אינדוסטריע, סיי אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט. אויב דאָרט, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, גייט אָן אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג צו אַ נייער מלחמה, צוליב איבערפאַרטיילן פון־דאָס־ניי די וועלט און די ווירקונג־ספערן, פירט פ. ס. ס. ר. ווייטער זיין סיסטעמאַטישן עקשנות'דיקן קאַמף קעגן דער געפאַר פון מלחמה און פאַר שלום. דערביי קאָן מען ניט זאָגן, אַז די אָנשטרענגונגען פון פ. ס. ס. ר. זאָלן אין דעם געביט ניט האָבן קיין שום דערפאָלג.

אַזאַ איז דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע אין דעם געגעבענעם מאָמענט.

לאָמיר אַריבערגיין צו באַטראַכטן די גרונט־פונקטן וועגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די באַוועגונג פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער

דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אונטערשיידט זיך פון אַלע עקאָנאָמישע קריזיסן אגב דערמיט, וואָס ער איז דער סאַמע דויערהאַפטער און פאַרצויגנסטער. אויב פריער פלעגן די קריזיסן אויסגעשעפּט ווערן אין 1—2 יאָר, דויערט שוין דער איצטיקער קריזיס אַזוי דאָס פינפטע יאָר און פאַרוויסט יאָר נאָך יאָר די ווירטשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זויגט אויס פון איר דאָס פעטס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין די פאַריקע יאָרן. קיין וואונדער ניט, וואָס דער דאָזיקער קריזיס איז דער שווערסטער פון אַלע קריזיסן.

מיט וואָס איז צו דערקלערן אָט דעם אומגעוויינלעכן פאַרצויגענעם כאַראַקטער פון דעם היינטצייטיקן אינדוסטריעלן קריזיס?

דאָס דערקלערט זיך פריער פאַר אַלץ דערמיט, וואָס דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָן אויסנאַם און האָט פאַרשוועריקט די מאַנעווורירונג פון איינע לענדער אַף דעם חשבון פון אַנדערע.

דאָס דערקלערט זיך, צווייטנס, דערמיט, וואָס דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיט'ן אַגראַרן קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אַגראַרע און האַלב־אַגראַרע לענדער אָן אויסנאַם, און דאָס האָט ניט געקאָנט ניט קאָמפּליצירן און ניט פאַרטיפערן דעם אינדוסטריעלן קריזיס.

דאָס דערקלערט זיך, דריטנס, דערמיט, וואָס דער אַגראַרער קריזיס האָט זיך פאַרשטאַרקט פאַר דער דאָזיקער צייט און האָט אַרומגעכאַפּט אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, דערין אויך די פיצוכט, דערפירנדיק די לאַנדווירטשאַפט ביז דעגראַדאַציע, ביזן פאַרבייטן דעם טראַקטער אַף אַ פערד, ביז צו אַ שאַרפן פאַרקלענערן און צומאָל אויך ביזן פולשטענדיקן אָפּזאָגן זיך פון אָנווענדן קינסטלעכע באַמיסטיקונג, און דאָס האָט נאָך מער פאַרצויגן דעם אינדוסטריעלן קריזיס.

דאָס דערקלערט זיך, פערטנס, דערמיט, וואָס די הערשנדיקע מאָנאָפּאָל־קאַרטעלן (טראַסטן, קאָרפּאָרייישאַנס), אין דער אינדוסטריע באַמיען זיך אָנצוהאַלטן הויכע פרייזן אַף די סחורות. אָט דער אומשטאַנד מאַכט דעם קריזיס באַזונדערס קרענקלעך און שטערט די סחורה־רעזערוון זיך פאַנאַנדערצוגיין.

דאָס דערקלערט זיך, ענדלעך, דערמיט, — און דאָס איז דער עיקר, — וואָס דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט זיך צעשפּילט אין די באַדינגונגען פון דעם *אַלגעמיינעם* קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין ניט און קאָן שוין ניט האָבן ניט אין די גרונט־מלוכות, ניט אין די קאָלאָניעס און ניט אין די אָפּהענגיקע לענדער יענע קראַפט און פעסטקייט, וועלכע ער האָט געהאַט ביז דער מלחמה און ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען די אינדוסטריע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט באַקומען בירושה פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אַ כראָניש ניט פולע אָנלאָדונג פון די פאַבריקן און מיליאָניקע ארמייען אַרבעטלאָזע פון וועלכע זי איז ניט בכוח מער זיך צו באַפרייען.

אָט דאָס זיינען די אומשטענדן, וואָס האָבן באַשטימט דעם טיף פאַרצויגענעם כאַראַקטער פון דעם איצטיקן אינדוסטריעלן קריזיס.

מיט די זעלבע אומשטענדן דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס דער קריזיס האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט דער ספערע פון פּראָדוקציע און האַנדל און האָט אויך פאַרכאַפּט די קרעדיט־סיסטעם, די וואַליוטע, די ספערע פון חוב־פאַרפליכטונגען, א. אַ. וו., צעקלאַפּנדיק די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט ווי אַ טראַדיציע סיי צווישן באַזונדערע לענדער, סיי צווישן סאָציאַלע גרופּן אין באַזונדערע לענדער.

אַ גרויסע ראָליע האָט דאָ אָפּגעשפּילט דאָס פאַלן פון די פּרייזן אַף סחורות. ניט געקוקט אַפן ווידערשטאַנד פון די מאָנאָפּאָל־קאַרטעלן, איז דאָס פאַלן פון די פּרייזן געוואַקסן מיט אַ סטיכייאישער קראַפט. דערביי זיינען פריער פאַר אַלץ און מער פאַר אַלץ געפאַלן די פּרייזן אַף די סחורות פון די ניט אָרגאַניזירטע סחורה־אייגנטימער — פּויערים האַנטווערקער, קליינע קאַפּיטאַליסטן און בלויז ביסלעכווייז און אין אַ קלענערער מאָס זיינען די פּרייזן געפאַלן אַף די סחורות פון אָרגאַניזירטע סחורה־אייגנטימער — פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען פאַראייניקט אין קאַרטעלן. דאָס פאַלן פון די פּרייזן האָט געמאַכט די לאַגע פון די בעל־חובות (אינדוסטריעלער, האַנטווערקער, פּויערים, א. ד. גל.) אומדערטרעגלעך, און, פאַרקערט, די לאַגע פון די קרעדיטאָרן — אומגעהויער פּריווילעגירט. אַזאַ לאַגע האָט געדאַרפט ברענגען און האָט ווירקלעך געבראַכט צו קאָלאָסאַלן באַנקראָט פון פירמעס און פון באַזונדערע אונטערנעמער. אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי יאָר זיינען אַף דעם דאָזיקן באָדן אומגעקומען צענדליקער טויזנטער אַקציאָנערע געזעלשאַפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך. נאָך די באַנקראָטן פון די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן איז געקומען די אַנטווערטונג פון די וואַליוטעס, וואָס דאָס האָט עטוואָס פאַרלייכטערט די לאַגע פון די בעל־חובות. נאָך דער אַנטווערטונג פון די וואַליוטעס—איז דאָס ניט־צאָלן די חובות סיי די אויסערלעכע, סיי די אינערלעכע, לעגאַליזירט פון דער מלוכה, דער קראַך פון אַזעלכע בענק, ווי דער דאַרמשטאַדטער און דרעזדענער באַנק אין דייטשלאַנד, קרעדיט־אַנשטאַלט — אין עסטרייך און פון אַזעלכע פירמעס, ווי קרויגערס פירמע אין שוועדן, די אינסול־פירמע אין די פאַראייניגטע שטאַטן, א. אַ. וו. — אַלעמען באַוואוסט.

קלאָר, אַז נאָך די דאָזיקע דערשיינונגען, וואָס האָבן צעטרייסלט די יסודות פון דער קרעדיט־סיסטעם, האָט געדאַרפט קומען און איז ווירקלעך געקומען דאָס אויפהערן צאָלן קרעדיטן און אויסלענדישע הלוואות, דאָס אויפהערן צאָלן חובות צווישן די אַנטאַנטע־לענדער (די לענדער וואָס האָבן געקעמפט קעגן דייטשלאַנד אין דער וועלט־מלחמה)

— איבערז. דאָס אויפהערן עקספּאָרטירן קאַפּיטאַל, אַ נייע פאַרקלענער־רונג פון דעם אויסערן־האַנדל, אַ נייע פאַרקלענערונג פון דעם סחורות־עקספּאָרט, אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם קאַמף פאַר אויסערלעכע מערק, אַ האַנדל־מלחמה צווישן לענדער און — „דאַמפּינג". יאָ חברים, „דאַמ־פּינג."

איך רייד ניט וועגן דעם סאָוועטישן כלומר'שטן „דאַמפּינג", וועגן וועלכן ס'האָבן נאָך ביז גאָר ניט לאַנג געשריען ביז הייזעריק ווערן אייניקע איידעלע דעפּוטאַטן פון די איידעלע פּאַרלאַמענטן אין אייראָפּע און אַמעריקע. איך רייד וועגן דעםווירקלעכן „דאַמפּינג", וואָס ווערט איצט פּראַקטיצירט כמעט אין אַלע „ציוויליזירטע" מלוכות, וואָס דאָס פאַרשווייגן מיט אַ כיון אַט די בראַווע און איידעלע דעפּוטאַטן.

עס איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע צעשטערונג־דערשיי־נונגען וועלכע באַגלייטן דעם אינדוסטריעלן קריזיס און וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אויסער דער פּראָדוקציע־ספערע, האָבן ניט גע־קענט פון זייער זייט ניט ווירקן אַפן גאַנג פון דעם אינדוסטריעלן קרי־זיס אין זין פון פאַרטיפערן און פאַרקאָמפּליצירן אים.

אַזאַ איז דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער באַוועגונג פון דעם אינ־דוסטריעלן קריזיס.

אַט זיינען אייניקע ציפערן פון אָפיציעלע מאַטעריאַלן, וואָס אילוס־טרירן די באַוועגונג פון דעם אינדוסטריעלן קריזיס אין דעם באַריכט־פּעריאָד.

דער פאַרנעם פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין פּראָצענטן צום יאָר 1929

	1929	1930	1931	1932	1933
פ. ס. ס. ר.	100.0	129.7	161.9	184.7	201.6
פאַראייניקטע שטאַטן .	100.0	80.7	68.1	53.8	64.9
ענגלאַנד	100.0	92.4	83.8	83.8	86.1
דייטשלאַנד	100.0	88.3	71.7	59.8	66.8
פראַנקרייך	100.0	100.7	89.2	69.1	77.4

די דאָזיקע טאַבעלע ווי איר זעט רעדט פאַר זיך אליין.

אין דער צייט, ווען די אינדוסטריע פון די גרינטלעכע קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער איז געפאַלן פון יאָר צו יאָר אין פאַרגלייך מיטן ניוואָ (שטופע) פון 1929טן יאָר און ערשט אין 1933 האָט זי אָנגע־הויבן עטוואָס קומען צו זיך און האָט נאָך אָבער ווייט ניט דערגרייכט צום ניוואָ פון 1929, איז די אינדוסטריע פון פ. ס. ס. ר. געוואַקסן פון יאָר צו יאָר און האָט דורכגעמאַכט אַ פּראָצעס פון כסדר'דיקן אופשטייג.

אין דער צייט, ווען די אינדוסטריע פון די הויפּט קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווייזט אין דורכשניט אַ פ א ר ק ל ע נ ע ר ו נ ג פון דעם פאַרנעם פון איר פּראָדוקציע צום סוף יאָר 1933 אין פאַרגלייך מיטן ניוואָ פון 1929 אַף 25 פּראָצענט און מער, איז די אינדוסטריע פון פ. ס. ס. ר. א ו י ס ג ע ו ו א ק ס ן פאַר דער צייט מער ווי אין צוויי מאָל, ד. ה. מער ווי אַף 100 פּראָצענט (אַפּלאָדיסמענטן).

עס קען זיך אויסדוכטן, אורטיילנדיק לויט דער דאָזיקער טאַבעלע, אַז פון די פיר קאַפּיטאַליסטישע לענדער געפינט זיך ענגלאַנד אין אַן אַמערסטן גינסטיקער לאַגע. אָבער דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק.

אויב מע זאָל נעמען די אינדוסטריע פון די דאָזיקע לענדער און זי פאַרגלייכן מיט דעם פאַר'מלחמה'דיקן ניוואָ, וועט זיך באַקומען עטוואָס אַנאַנדער בילד.

אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע:

דער פאַרנעם פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין פּראָצענטן
צו דעם פאַר־מלחמה־ניוואָ

	1913	1929	1930	1931	1932	1933
פּ. ס. ס. ר.	100	194.3	252.1	314.7	359.0	391.9
פאַראייניקטע שטאַטן .	100	170.2	137.3	115.9	91.4	110.2
ענגלאַנד.	100	99.1	91.5	83.0	82.5	85.2
דייטשלאַנד	100	113.0	99.8	81.0	67.6	75.4
פראַנקרייך	100	139.0	140.0	124.0	96.1	107.6

ווי איר זעט, האָט די אינדוסטריע פון ענגלאַנד און פון דייטשלאַנד נאָך אַלץ ניט דערגרייכט צום פאַר'מלחמה־ניוואָ, אין דער צייט, ווען אַמעריקע און פראַנקרייך האָבן אים אַריבערגעשטיגן אַף עטלעכע פּראָצענט, און פּ. ס. ס. ר. האָט פאַרגרעסערט זיין אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פאַרן דאָזיקן פעריאָד אין פאַרגלייך מיטן פאַר'מלחמה־ניוואָ מער ווי אַף 290 פּראָצענט. (אַפּלאָדיסמענטן).

אָבער פון די דאָזיקע טאַבעלעס דרינגט אַרויס נאָך איין אויספיר.

אין דער צייט, ווען די אינדוסטריע פון די הויפּט קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז די גאַנצע צייט געפאַלן, אָנגעהויבנדיק פון דעם יאָר 1930 און באַזונדערס פון 1931 און איז דערגאַנגען אין 1932 ביזן פּונקט פון גרעסטן פאַלן, — האָט זי אין 1933 יאָר אָנגעהויבן עטוואָס קומען צו זיך און זיך אויפהויבן. אויב מען זאָל נעמען די חודש־אָנגאַבן פון 1932 און 1933, — באַשטעטיקן זיי נאָך מער דעם דאָזיקן אויספיר, ווייל זיי ריידן וועגן דעם, אַז די אינדוסטריע פון די דאָזיקע לענדער ניט געקוקט אַף דער וואַקלונג פון איר פּראָדוקציע אין פאַרלויף פון דעם יאָר 1933 האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין טענדענץ צו דערפירן די וואַקלונג אַף אַראָפּ ביזן ניוואָ פון דעם גרעסטן פאַלן, וואָס איז געווען זומער 1932.

וואָס באַטייט דאָס?

דאָס באַטייט, אַז די אינדוסטריע פון די הויפּט קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז שוין פאַרבייגעגאַנגען דעם פּונקט פון גרעסטן פאַלן, צו וועלכן זי האָט זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט אין פאַרלויף פון דעם יאָר 1933.

אייניקע זיינען גענייגט צוצושרייבן די דאָזיקע דערשיינונג דער ווירקונג פון אויסשליסלעך־קינסטלעכע פאַקטאָרן, ווי אַ שטייגער דער מיליטעריש־אינפלאַציאָנעלער קאָניונקטור. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז די מיליטעריש־אינפלאַציאָנעלע קאָניונקטור שפּילט דאָ ניט קיין קליינע ראָליע. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק בנוגע יאַפּאַן, וואו דער דאָזיקער קינסטלעכער פאַקטאָר איז די הויפּט־קראַפט און די באַשלסנדיקע קראַפט פון דער געוויסער אופלעבונג אין אייניקע הויפּטזעכלעך־מיליטערישע אינדוסטריע־צווייגן. עס וואָלט אָבער געווען אַ גראָבער פעלער צו דערקלערן אַלץ מיט דער מיליטעריש־אינפלאַציאָנעלער קאָניונקטור. אַזאַ דערקלערונג איז ניט ריכטיק שוין דערפאַר, וואָס דער געוויסער רוק אין דער אינדוסטריע, וועלכע איך האָב באַראַקטעריזירט, באַמערקט זיך ניט אין איינצעלנע און צופעליקע ראַיאָנען, נאָר אין אַלע אָדער כמעט אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער, דערין אין די לענדער

מיט אַ פעסטער וואַליוטע. אפֿנים, אַז צוגלייך מיט דער מיליטעריש־אינפֿלאַציאָנעלער קאָניונקטור איז דאָ פֿאַראַן אויך די ווירקונג פֿון אינערלעכע עקאָנאָמישע קרעפֿטן פֿון דעם קאַפּיטאַליזם.

דעם קאַפּיטאַליזם איז געלונגען עטוואָס צו פֿאַרלייכטערן די לאַגע פֿון דער אינדוסטריע אפֿן חשבון פֿון די אַרבעטער — דורך פֿאַרטיפֿערן זייער עקספּלואַטאַציע מיטן פֿאַרשטאַרקן די אינטענסיוויקייט פֿון זייער אַרבעט, אפֿן חשבון פֿון די פֿאַרמערס, — דורך פֿירן אַ פּאָליטיק פֿון די סאַמע נידעריקסטע פּרייזן אַף די פּראָדוקטן פֿון זייער אַרבעט, אַף דערנערונג און טיילווייז אַף רוי־וואַרג, אפֿן חשבון פֿון די פּועלים פֿון די קאָלאָניעס און פֿון די עקאָנאָמיש־שוואַכע לענדער —דורך אַ נאָך גרעסערן אַראָפּזעצן די פּרייזן אַף די פּראָדוקטן פֿון זייער אַרבעט, הויפּטזעכלעך, אַף רוי־שטאָפֿן און דערנאָך אַף דערנערונג.

צי הייסט עס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אַריבערגאַנג פֿון דעם קריזיס צו אַ געוויינלעכער דעפּרעסיע, וואָס ברענגט נאָך זיך אַ נייעם אויפֿשטייג און אויפֿבלי פֿון דער אינדוסטריע? ניין, עס הייסט ניט. יעדנפֿאַלס, אין דער איצטיקער צייט עקזיסטירן ניט אַזעלכע אָנגאַבן, דירעקטע אָדער אומדירעקטע, וואָס זאָלן זאָגן וועגן אַן אָנקומענדיקן אויפֿשטייג פֿון דער אינדוסטריע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. נאָך מער, — אורטיילנדיק לויט אַלץ, קאָנען אַזעלכע אָנגאַבן אויך ניט זיין, אַלנפֿאַלס אין דער נאָענסטער צייט. עס קאָנען ניט זיין דערפֿאַר, ווייל עס האַלטן נאָך אין ווירקן יענע אַלע אומגינסטיקע באַדינגונגען, וואָס לאָזן ניט דער אינדוסטריע פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיך אויפֿצוהויבן וויפֿיל ניט איז ערנסט באַרג־אַרויף. עס האַנדלט זיך וועגן אַ דויערנדיקן אַלגעמיינעם קריזיס פֿון דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס אין זיינע אומשטענדן קומט פֿאָר דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועגן אַ כראָניש ניט פֿולן אָנלאָדן די פֿאַבריקן, וועגן אַ כראָנישער מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט, וועגן אַן איבערפֿלעכטונג פֿון דעם אינדוסטריעלן קריזיס מיטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קריזיס, וועגן דער אָפּוועזנהייט פֿון אַ טענדענץ צו אַ וועלכער ניט איז ערנסטער באַנייאונג פֿון דעם גרונט־קאַפּיטאַל, וואָס זאָגט אָן געוויינטלעך דעם אָנקום פֿון אַן אויפֿשטייג א. א. וו. א. ד. גל.

אפֿנים, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אַריבערגאַנג פֿון דעם פּונקט פֿון גרעסטן פֿאַלן פֿון דער אינדוסטריע, פֿון דעם פּונקט פֿון דער גרעסטער טיפֿקייט פֿון דעם אינדוסטריעלן קריזיס צו דעפּרעסיע, אָבער — ניט צו אַ געוויינלעכער דעפּרעסיע, נאָר צו אַ דעפּרעסיע פֿון אַ באַזונדערן מין, וואָס פֿירט ניט צו קיין נייעם אויפֿשטייג און אויפֿבלי אין דער אינדוסטריע, אָבער וואָס קערט זי ניט אום צוריק צום פּונקט פֿון גרעסטן פֿאַלן.

2. די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון דער פּאָליטישער לאַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַלס רעזולטאַט פֿון דעם פֿאַרצויגענעם עקאָנאָמישן קריזיס איז גע־קומען אַזאַ פֿאַרשאַרפֿונג פֿון דער פּאָליטישער לאַגע פֿון די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער, — סיי אינווייניק אין די דאָזיקע לענדער, סיי אויך צווישן זיי, — וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געווען.

די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון דעם קאַמף פֿאַר די אויסערלעכע מערק, די

פאַרניכטונג פון די לעצטע רעשטן פון דעם פרייען האַנדל, די פאַרבאַנדיקע גרענעץ־אָפּצאָלן, די האַנדל־מלחמה, די מלחמה פון די וואַליוטעס, דער „דאָמפּינג” און פיל אַנדערע ענלעכע מיטלען, וואָס דעמאָנסטרירן דעם עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, האָבן ביז גאָר פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די לענדער, האָבן געשאַפן אַ באָדן פאַר מלחמה־צוזאַמענשטויסן און אַוועקגעשטעלט אַפן טאָג־אָרדנונג די מלחמה אלס מיטל פון אַ נייער איבערפאַרטיילונג פון דער וועלט און פון די איינפלוס־ספערן צום גונסטן פון די מער שטאַרקע מלוכות.

די מלחמה פון יאַפּאַן מיט כינע, די אָקופּאַציע פון מאַנדזשוריע, יאַפּאַנ׳ס אַרויסטרעטן פון דער פעלקער־ליגע און דער מאַרש אין צפון־כינע — האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די לאַגע. די פאַרשטאַרקונג פון דעם קאַמף פאַרן פּאַציפישן אָקעאַן און דער וואוקס פון די מיליטערישע ים־באַוואָפענונגען אין יאַפּאַן, פאַראייניגטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען טאַקע אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פאַרשאַרפונג.

דייטשלאַנד׳ס אַרויסטרעטן פון דער פעלקער־ליגע און דער געשפּענסט פון נקמה האָבן געגעבן אַ נייעם שטויס צו אַ פאַרשאַרפונג פון דער לאַגע און צו אַ וואוקס פון די באַוואָפענונגען אין אייראָפּע.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער בורזשואַזער פּאַציפיזם זשיפּעט איצט קוים, און די פּלוידעריי וועגן אַנטוואָפענונג ווערט פאַרביטן אַף „זאַכלעכע” שמועסן וועגן באַוואָפענונג און צובאַוואָפענונג.

ווידער, ווי אין יאָר 1914, רוקן זיך אַרויס אַפן ערשטן פּלאַן די פּאַרטייען פון דעם קריגערישן אימפּעריאַליזם, די פּאַרטייען פון מלחמה און נקמה.

עס גייט בעשיימפּערלעך צו אַ נייער מלחמה.

עס פאַרשאַרפט זיך נאָך מער, צוליב דער ווירקונג פון די זעלבע פאַקטאָרן, די אינערלעכע לאַגע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די פיר יאָר אינדוסטריעלער קריזיס האָבן אויסגעצערט און דערפירט צו פאַרצווייפלונג דעם אַרבעטער־קלאַס. די פיר יאָר לאַנדווירטשאַפטלעכער קריזיס האָבן ביז אַף לעצט רואינירט די ניט־פאַרמעגלעכע שיכטן פון פּויערטום ניט בלויז אין די גרונטיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר אויך — דערהויפּט — אין די אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע לענדער. עס איז אַ פאַקט, אַז ניט געקוקט אַף די קאָלערליי סטאַטיסטישע קונצשטיק, וואָס זייער ציל איז צו פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטלאָזע, דערגייט די צאָל אַרבעטלאָזע, לויט די אָפיציעלע אָנגאַבן פון די בורזשואַזע אַנשטאַלטן, אין ענגלאַנד ביז 3 מיליאָן, אין דייטשלאַנד ביז 5 מיליאָן, אין די פאַראייניגטע שטאַטן ביז 10 מיליאָן, מיר ריידן שוין ניט וועגן די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. גיט נאָך צו דערצו די טיילווייז אַרבעטלאָזע, וואָס זייער צאָל שטייגט אַריבער אַ צענדליק מיליאָן, גיט צו די מיליאָניקע מאַסן רואינירטע פּויערים, — וועט איר באַקומען אַ בערך׳דיק בילד פון דער נויט און פאַרצווייפלונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די פאָלק־מאַסן זיינען נאָך ניט דערגאַנגען דערצו, אַז זיי זאָלן גיין שטורעמען דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אַז די אידייע פון שטורם ווערט רייף אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן, — דערין קאָן מען קוים צווייפלען. וועגן דעם ריידן בולט שוין אַזעלכע פאַקטן ווי די שפּאַנישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אַראָפּגעשליידערט דעם רעזשים פון פאַשיזם, און דער וואוקס פון די סאָוועטישע ראַיאָנען אין כינע, וואָס די פאַראייניקטע קאָנטר־רעוואָלוציע פון דער כינעזישער און אויסלענדישער בורזשואַזיע איז ניט אימשטאַנד אים אָפּצושטעלן.

דערמיט, אייגנטלעך, לאָזט זיך טאַקע דערקלערן דער פֿאַקט, וואָס די הערשנדיקע קלאַסן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פֿאַרניכטן זאָרגזאַם אָדער זיי מאַכן צונישט די לעצטע רעשטלעך פֿון פּאַרלאַמענטאַריזם און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס קאָנען נאָך אויסגענוצט ווערן דורכן אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף קעגן די אונטערדריקער, וואָס זיי פֿאַרטרייבן אין אונטערערד די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און גייען אַריבער צו אָפֿן טעראָריסטישע מעטאָדן פֿון איינהיטן זייער דיקטאַטור.

שאָוויניזם און מלחמה־צוגרייטונג, אַלס גרונט־עלעמענטן פֿון דער אויסערן־פּאָליטיק, איינצוימונג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס און טעראָר אין געביט פֿון דער אינערלעכער פּאָליטיק, אַלס נויטווענדיק מיטל אַף צו פֿאַרשטאַרקן דאָס הינטערלאַנד פֿון די צוקונפֿטיקע קריג־פֿראָנטן, — אָט וואָס עס באַשעפֿטיקט איצט דערהויפּט די היינט־צייטיקע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיקער.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער פֿאַשיזם איז איצט געוואָרן די סאַמע מאָדישע סחורה צווישן די קריגערישע בורזשואַזע פּאָליטיקער. איך רייד ניט בלויז וועגן פֿאַשיזם בכלל, נאָר פֿריער פֿון אַלץ וועגן דעם פֿאַשיזם פֿון דייטשישן טיפּ, וואָס ווערט פֿאַלש אָנגערופֿן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, ווייל ביי דער סאַמע גענויער אונטערזוכונג איז אוממעגלעך צו געפֿינען אין אים אַפֿילו אַן אַטאָם סאָציאַליזם.

אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג דאַרף מען דעם נצחון פֿון דעם פֿאַשיזם אין דייטשלאַנד באַטראַכטן ניט בלויז ווי אַ סימן פֿון דער שוואַכקייט פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס און אַלס רעזולטאַט פֿון דעם פֿאַראַט בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס ס'איז באַגאַנגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אָפּגערייניקט דעם וועג פֿאַרן פֿאַשיזם. מע דאַרף אים אויך באַטראַכטן ווי אַ סימן פֿון דער שוואַכקייט פֿון דער בורזשואַזיע, ווי אַ סימן דערפֿון, אַז די בורזשואַזיע איז שוין ניט בכוח צו געוועלטיקן מיט די אַלטע מעטאָדן פֿון פּאַרלאַמענטאַריזם און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, און דעריבער איז זי געצוואונגען אָנצוקומען אין דער אינערלעכער פּאָליטיק צו טעראָריסטישע רעגירונג־מעטאָדן. ווי אַ סימן דערפֿון, אַז זי איז ניט בכוח מער צו געפֿינען קיין אויסוועג פֿון דער איצטיקער לאַגע אַף דער באַזע פֿון פֿרידלעכער אויסערן־פּאָליטיק, און דעריבער איז זי געצוואונגען אָנצוקומען צו אַ מלחמה־פּאָליטיק.

אַזאַ איז די לאַגע.

ווי איר זעט, גייט עס צו אַ נייער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אַלס אויסוועג פֿון דער איצטיקער לאַגע.

געוויס איז ניטאָ קיין גרונט צו רעכענען, אַז די מלחמה קאָן געבן אַ ווירקלעכן אויסוועג. פֿאַרקערט, זי דאַרף נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערן די לאַגע. נאָך מער, זי וועט געוויס צעבינדן די רעוואָלוציע און וועט שטעלן אונטער אַ פֿראַגע־צייכן די עצם עקזיסטענץ פֿון דעם קאַפּיטאַליזם אין אַ ריי לענדער, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען אין גאַנג פֿון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. און אויב, ניט געקוקט אַף דער דערפֿאַרונג פֿון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, כאַפּן זיך די בורזשואַזע פּאָליטיקער פֿונדעסטוועגן אָן אַן מלחמה, ווי דער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטרויעלע, הייסט עס, אַז זיי האָבן זיך ענדגילטיק פֿאַרפּלאָנטערט, אַז זיי זיינען אַריינגעפֿאַלן אין אַ טעמפּן ווינקל און זיינען גרייט צו פֿליען מיטן קאָפּ אַראָפּ אין אָפּגרונט.

דעריבער איז ניט איבעריק צו באַטראַכטן אין קורצן די פּלענער פֿון אָרגאַניזירן די מלחמה, וואָס ווערן איצט אויסגעטראָגן אין די קרייזן פֿון די בורזשואַזע פּאָליטיקער.

זיי מיינען, אז א מלחמה דארף מען ארגאניזירן קעגן איינער פון די גרויסע מלוכות. זיי מיינען צו דערלאנגען איר א פארניכטנדיקן קלאפ און פאריכטן זייערע געשעפטן אף איר חשבון. לאמיר זיך פארשטעלן, אז זיי האבן ארגאניזירט אזא מלחמה. וואס קאן זיך דערפון באקומען? ווי באוואוסט, האט מען ביים דער ערשטער אימפעריאליסטישער מלחמה אויך געוואלט פארניכטן איינע פון די גרויסע מלוכות — דייטשלאנד — און אפלעקן א ביינדל אף איר חשבון. און וואס האט זיך דערפון באקומען? דייטשלאנד האבן זיי ניט פארניכטעט, זיי האבן נאר איינגעפלאנצט אין דייטשלאנד א סך האס צו די זיגער און האבן געשאפן אזא רייכן באדן פאר נקמה, אז ביז איצט קאנען זיי נאך ניט און וועלן נאך געוויס אזוי גיך ניט קאנען פארדייען דאס פאסקודנע געקעכץ, וואס זיי האבן אליין פארקאכט. דערפאר אבער האבן זיי באקומען די צעשמעטערונג פון דעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד, דעם נצחון פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע אין רוסלאנד און -— א קלארע זאך — דעם ראטנפארבאנד. וואו איז די גאראנטיע, אז די צווייטע אימפעריאליסטישע מלחמה וועט זיי געבן „בעסערע” רעזולטאטן, ווי די ערשטע? צי וועט ניט ריכטיקער זיין צו מיינען פארקערט?

אנדערע מיינען, אז א מלחמה דארף מען ארגאניזירן קעגן איינעם פון די לענדער, וואס זיינען שוואך אין מיליטערישער הינזיכט, נאר זיי זיינען ברייט אין הינזיכט פון מארק, צ. ב. קעגן כינע, וואס דערצו נאך, ווייזט זיך ארויס, קאן מען זי ניט אנרופן מלוכה אין דעם אייגנטלעכן זין פון ווארט, נאר זי שטעלט מיט זיך בלויז פאר א „ניט ארגאניזירטע טעריטאריע”, וואס נייטיקט זיך דערין, אז עס זאלן זי פארכאפן שטארקע מלוכות. זיי ווילן זי, ווייזט אויס, ענדגילטיק צעטיילן און פאריכטן זייערע געשעפטן אף איר חשבון. לאמיר זאגן, אז זיי האבן ארגאניזירט אזא מלחמה. וואס קאן זיך דערפון באקומען? ס’איז באוואוסט, אז אין אנהייב 19טן יארהונדערט, האט מען אף איטאליע און דייטשלאנד געקוקט פונקט אזוי, ווי מע קוקט איצט אף כינע, ד. ה. מע האט זיי געהאלטן פאר „ניט ארגאניזירטע טעריטאריעס” און ניט פאר קיין מלוכות, און מען האט זיי פארשקלאפט. און וואס האט זיך דערפון באקומען? דערפון האט זיך באקומען, ווי באוואוסט, א מלחמה פון דייטשלאנד און איטאליע פאר אומאפהענגיקייט און א פאראייניקונג פון די דאזיקע לענדער אין זעלבשטענדיקע מלוכות. דערפון האט זיך באקומען א פארשטארקונג פון דעם האס צו די פארשקלאפער אין די הערצער בא די פעלקער פון די דאזיקע לענדער, און די רעזולטאטן פון דעם האס זיינען נאך ביז איצט ניט ליקווידירט און וועלן נאך, אפנים, אזוי גיך ניט ליקווידירט ווערן. פרעגט זיך: וואו איז די גאראנטיע, אז דאס זעלבע וועט זיך ניט באקומען אלס רעזולטאט פון דער מלחמה פון די אימפעריאליסטן קעגן כינע?

די דריטע מיינען, אז א מלחמה דארף ארגאניזירן א „העכערע ראסע”, לאמיר זאגן די דייטשישע „ראסע” קעגן א „נידעריקערער ראסע”, פריער פאר אלץ — קעגן סלאוון, אז נאר אזא מלחמה קאן געבן אן אויסוועג פון דער לאגע, ווייל די „העכערע ראסע” איז בארופן צו באפרוכפערן די „נידעריקערע” און הערשן איבער איר. לאמיר זאגן, אז די דאזיקע משונה’דיקע טעאריע, וואס איז אזוי ווייט פון וויסנשאפט, ווי דער הימל פון דער ערד, — לאמיר זאגן, אז די דאזיקע משונה’דיקע טעאריע האט מען אריבערגעפירט אין דער פראקטיק. וואס קאן זיך פון דעם באקומען? עס איז באוואוסט, אז דער

אלטער רוים האט פונקט אזוי געקוקט אף די אורעלטערן פון די היינטיקע דייטשן און פראנצויזן, ווי עס קוקן איצט די פארשטייער פון דער „העכערער ראסע" אף די סלאווישע שבטים. עס איז באוואוסט, אז דער אלטער רוים האט זיי באהאנדלט ווי א „נידעריקע ראסע", ווי „בארבארן", וואס זיינען בארופן צו זיין אין אייביקער אונטערטעניקייט צו דער „העכערער ראסע" — צום „גרויסן רוים". דערביי, — צווישן אונז גערעדט, — האט דער אלטער רוים געהאט דערצו א געוויסן גרונט, וואס דאס קאן מען ניט זאגן וועגן די פארשטייער פון דער היינטיקער „העכערער ראסע" (א דונער אפלאדיסמענטן). וואס זשע איז דערפון ארויסגעקומען? ארויסגעקומען איז דאס, וואס די ניט־רוימער, ד. ה. אלע „בארבארן" האבן זיך פאראייניקט קעגן דעם אלגעמיינעם שונא און האבן מיט א טראסק איבערגעקערט רוים. פרעגט זיך: וואו איז די גאראנטיע, אז די פרעטענזיעס מצד די פארשטייער פון דער היינטיקער „העכערער ראסע" וועלן ניט ברענגען צו די זעלבע טרויעריקע רעזולטאטן? וואו איז די גאראנטיע, אז די פאשיסטיש־ליטעראריש פאליטיקער אין בערלין וועט מער אפגליקן, איידער די אלטע און אויסגעפרואווטע דעראבערער פון רוים? צי וועט ניט ריכטיקער זיין צו מיינען פארקערט?

צולעצט, די פערטע מיינען, אז א מלחמה דארף מען ארגאניזירן קעגן פ. ס. ס. ר. זיי טראכטן צעקלאפן פ. ס. ס. ר., זיך איינטיילן מיט זיין טעריטאריע און מאכן א לעבן אף זיין חשבון. עס וואלט געווען פעלערהאפט צו מיינען, אז אזוי טראכטן נאר איינצקע מיליטערישע קרייזן אין יאפאן. אונז איז באוואוסט, אז אזעלכע פלענער ווערן אויסגעטראגן אויך אין די קרייזן פון די פאליטישע אנפירער פון איינצקע מלוכות אין אייראפע. לאמיר זאגן, אז די דאזיקע הערן זיינען אריבער פון ווערטער צו טאט. איז וואס קאן דערפון זיך באקומען? מע קאן קוים צווייפלען, אז די דאזיקע מלחמה וועט זיין די סאמע געפערלעכסטע, ניט נאר דערפאר, וואס די פעלקער פון פ. ס. ס. ר. וועלן זיך שלאגן אף טויט פאר די דעראבערונגען פון דער רעוואלוציע, זי וועט זיין די סאמע געפערלעכסטע פאר דער בורזשואזיע אויך דערפאר, וואס זי וועט פארקומען ניט נאר אף די פראנטן, נאר אויך אין הינטערלאנד באם שונא. די בורזשואזיע מעג ניט צווייפלען, אז די פילצאליקע פריינט פון דעם ארבעטער־קלאס אין אייראפע און אזיע וועלן זען א קלאפ צו טאן אין הינטער־פראנט זייערע אונטערדריקער, וואס האבן פארפירט א פארברעכערישע מלחמה קעגן דעם פאטערלאנד פון דעם ארבעטער־קלאס פון אלע לענדער. און זאלן קיין פאריבעל ניט האבן אף אונז די הערן בורזשויען, אויב עס וועלן אפן צווייטן טאג נאך אזא מלחמה אויספעלן בא זיי איינצקע נאענטע צו זיי רעגירונגען, וואס הערשן ביי היינטיקן טאג בשלום מיט „גאט'ס גענאד" (א דונער אפלאדיסמענטן). איינע אזא מלחמה קעגן פ. ס. ר. ר. איז שוין געווען, אויב איר וועט זיך דערמאנען, מיט 15 יאר צוריק. ווי עס איז באוואוסט, האט דער פון־אלעמען־געערטער טשוירטשהיל, דעמאלט איינגעהילט די דאזיקע מלחמה אין א פאעטישער פארמולע — „די אינוואזיע פון 14 מלוכות". איר געדענקט, געוויס, אז די דאזיקע מלחמה האט באהעפט אלע ארבעטנדיקע פון אונזער לאנד אין אן איינהייטלעכן לאגער פון מסירת־נפש'דיקע קעמפער, וואס האבן מיט זייער לעבן פארטיידיקט דאס ארבעטער־פויערשע פאטערלאנד פון די אויסערלעכע שונאים. איר ווייסט, מיט וואס זי האט זיך פארענדיקט. זי האט זיך פארענדיקט מיט ארויסטרייבן די אינטערווענטן פון אונזער לאנד און

מיט שאַפֿן רעוואָלוציאָנערע „אַקציע־קאָמיטעטן” אין אייראָפּע. מע קאָן קוים צווייפֿלען, אַז אַ צווייטע מלחמה קעגן פ. ס. ס. ר. וועט ברענגען צו אַ פֿולער מפּלה פֿון די אָנפֿאַלנדיקע, צו אַ רעוואָלוציע אין אַ ריי לענדער פֿון אייראָפּע און אַזיע און צו דער צעשמעטערונג פֿון די בורזשואַזע פֿריצישע רעגירונגען אין די דאָזיקע לענדער.

אָט דאָס זיינען די מלחמה־פּלענער פֿון די בורזשואַזע פּאָליטיקער, וואָס האָבן זיך פֿאַרפֿלאָנטערט.

ווי איר זעט, גלאַנצן זיי נישט ניט מיט שכל, ניט מיט העלדישקייט. (אַפּלאָדיסמענטן).

נאָר אויב די בורזשואַזיע קלייבט אויס דעם וועג פֿון מלחמה, שטעלט זיך דער אַרבעטער־קלאַס פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס איז דערפֿירט ביז פֿאַרצווייפֿלונג דורכן פֿיליאָריקן קריזיס און אַרבעט־לאָזיקייט, אַפֿן וועג פֿון רעוואָלוציע. דאָס הייסט, אַז עס ווערט רייף און עס וועט רייף ווערן דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס. און דער רע־וואָלוציאָנערער קריזיס וועט אָנוואַקסן אַלץ שנעלער, וואָס שנעלער עס וועט זיך פֿאַרפֿלאָנטערן די בורזשואַזיע אין אירע מלחמה־קאָמבינאַ־ציעס, וואָס אָפֿטער זי וועט אָנקומען צו טעראָריסטישע קאַמף־מעטאָדן קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס און קעגן די אַרבעטנדיקע פּויערים.

איינינקע חברים מיינען, אַז ווייבאַלד עס איז פֿאַראַן אַ רעוואָלו־ציאָנערער קריזיס, מוז די בורזשואַזיע אַריינפֿאַלן אין אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג, אַז איר סוף, הייסט עס, איז שוין פֿאַראויס באַשטימט, אַז דער זיג פֿון דער רעוואָלוציע איז שוין דערמיט אַליין געזיכערט און זיי בלייבט נאָר איבער צו וואַרטן, ביז די בורזשואַזיע וועט פֿאַלן און שרייבן זיגערישע רעזאָלוציעס. דאָס איז אַ טיפֿער טעות. דער זיג פֿון דער רעוואָלוציע קומט קיינמאָל ניט אַליין. אים דאַרף מען צו־גרייטן און אויסקעמפֿן. אָבער צוגרייטן און אויסקעמפֿן אים קאָן נאָר אַ שטאַרקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. עס טרעפֿן מאָמענטן, ווען די לאַגע איז אַ רעוואָלוציאָנערע, די מאַכט פֿון דער בורזשואַזיע טרייסלט זיך ביזן סאַמע גרונט און דער זיג פֿון דער רע־וואָלוציע קומט דאָך ניט, ווייל עס איז ניט פֿאַראַן קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַריאַט, אַ גענוג שטאַרקע און אויטאָריטעטע, וואָס זאָל קאָנען פֿירן נאָך זיך די מאַסן און נעמען די מאַכט אין אירע הענט. עס וואָלט געווען ניט קלוג צו מיינען, אַז אַזעלכע „פֿאַלן” קאָנען ניט פּאַסירן.

עס וואָלט ניט געשאַדט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָנען לע־נינ'ס נביא'שע ווערטער וועגן רעוואָלוציאָנערן קריזיס, וואָס ער האָט געזאָגט אַפֿן צווייטן קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

„מיר זיינען איצט צוגעגאַנגען צו דער פֿראַגע וועגן רעוואָ־לוציאָנערן קריזיס, אַלס גרונט פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער טאַט. און דאָ דאַרף מען, פֿריער פֿון אַלץ, פֿאַרצייכענען צוויי פֿאַרשפּרייטן פֿעלערן. פֿון איין זייט שילדערן די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן דעם דאָזיקן קריזיס, אַלס פּשוטן „אומרו” לויטן עלעגאַנטן אויסדרוק פֿון די ענגלענדער. פֿון דער צווייטער זייט, פּרואוון צומאָל רעוואָלוציאָנערן באַווייזן, אַז דער קרי־זיס איז אַבסאָלוט אָן אַן אויסוועג. דאָס איז אַ פֿעלער. קיין לאַגע אַבסאָלוט אָן אַן אויסוועג טרעפֿט ניט. די בורזשואַזיע פֿירט זיך אויף, ווי אַ חוצפּה־דיקער רויבער וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ און טוט איין נאַרישקייט נאָך אַ צווייטער, פֿאַרשאַר־

פנדיק די לאַגע, פאַרשנעלערנדיק איר אומקום. דאָס איז אַלץ אַזוי. אָבער מען קאָן ניט „באַווייזן“, אַז עס איז ניטאָ אַבסאָלוט קיין שום מעגלעכקייט, אַז זי זאָל ניט איינשלעפערן אַזאַ און אַזאַ מינדערהייט עקספּלואַטירטע מיט אַזעלכע און אַזעלכע הנחות׳לעך, אַז זי זאָל ניט דערשטיקן אַזאַ און אַזאַ באַוועגונג אָדער אופשטאַנד פון אַזאַ און אַזאַ טייל אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע. פּרואוון „באַווייזן“ אין פאָראויס די „אַבסאָלוטע“ אויסוועגלאָזיקייט וואָלט געווען אַ פּוסטער פּעדאַנטיזם אָדער אַ שפּיל אין באַגריפן און אין ווערטלעך. אַן אמת׳ער „באַווייז“ אין דער און אין ענלעכע פראַגן קאָן זיין בלויז די פּראַקטיק. די בורזשואַזע אָרדענונג לעבט איבער אין דער גאַנצער וועלט דעם גרעסטן רעוואָלוציאָנעדן קריזיס. מע דאַרף איצט „באַווייזן“ מיט דער פּראַקטיק פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אַז זיי האָבן גענוג באַוואוסטזיניקייט, אָרגאַניזירטקייט, פאַרבינדונגען מיט די עקספּלואַטירטע מאַסן, אַנטשיידנקייט, קענטשאַפט אויסצונוצן דעם דאָזיקן קריזיס פאַר אַ דערפאָלגרייכער, פאַר אַ זיגרייכער רעוואָלוציע“. (לענין, „1920טער יאָר“, באַנד 25, ז״ז 340—341).

3. די באַציאונגען צווישן סאָוועטנפאַרבאַנד און די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין ווי שווער עס איז געווען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד דורכצופירן זיין שלום־פּאָליטיק אין דער דאָזיקער אַטמאָספער, וואָס איז פאַרגיפטעט מיט מיאַזמען פון מלחמה־קאָמבינאַציעס.

אין די באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן פאַר׳מלחמה׳דיקן שדים־טאַנץ, וואָס האָט ארומגעכאַפּט אַ גאַנצע ריי לענדער, האָט פ. ס . ס. ר. פאַר די דאָזיקע יאָרן ניט אויפגעהערט צו שטיין פעסט און אומוואַקלדיק אַף זיינע שלום־פּאָזיציעס, קעמפנדיק קעגן דער מלחמה־געפאַר, קעמפנדיק פאַר איינהיטן דעם שלום, אַנטקעגנקומענדיק די לענדער, וואָס שטייען אַזוי אָדער אַנדערש פאַר איינהיטן דעם שלום, אויפדעקנדיק און אַראָפּרייסנדיק די מאַסקע פון די, וואָס גרייטן צו און וואָס פּראָוואָצירן די מלחמה.

אַף וואָס האָט אויסגערעכנט דער סאָוועטנפאַרבאַנד אין דעם שווערן און קאָמפּליצירטן קאַמף פאַר שלום?

א) אַף זיין וואַקסנדיקער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער מאַכט.

ב) אַף דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג פון די מיליאָניקע מאַסן פון אַרבעטער־קלאַס אין אַלע לענדער, וואָס איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין איינהיטן דעם שלום.

ג) אַפן פאַרנונפט פון די לענדער, וועלכע זיינען ניט פאַראינטערעסירט צוליב די אָדער יענע מאָטיוון אין ברעכן דעם שלום און וואָס ווילן אַנטוויקלען האַנדל־באַציאונגען מיט אַזאַ פּינקטלעכן קליענט ווי דער סאָוועטנפאַרבאַנד.

ד) צולעצט — אַף אונזער רומפולער אַרמיי, וואָס איז גרייט צו באַשיצן דאָס לאַנד פון די אָנפאַלן פון דרויסן.

אַף דער דאָזיקער באַזע איז אַנטשטאַנען אונזער קאַמפּאַניע פאַר שליסן אָפּמאַכן וועגן ניט־אָנגריף און וועגן דעפינירן דעם אָנפאַלנדיקן

צד מיט די שכנות'דיקע מלוכות. איר ווייסט, אז די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט געהאַט אַ דערפאָלג. ווי באַוואוסט, איז אַן אָפּמאַך וועגן ניט־אָנפאַלן געשלאָסן געוואָרן ניט בלויז מיט דער מערהייט מלוכות, וואָס געפינען זיך אין שכנות צו אונז אין מערב און אין דרום, דערונטער מיט פינלאַנד און מיט פּוילן, נאָר אויך מיט אַזוינע לענדער, ווי פראַנקרייך, איטאַליע און אַן אָפּמאַך וועגן דעפינירן דעם אָנפאַלנדיקן צד — מיט די זעלבע שכנות'דיקע מלוכות, איינגעשלאָסן אויך די קליינע אַנ־טאַנטע.

אויף דער זעלבער באַזע האָט זיך פּאַרפעסטיקט די פריינטשאַפט צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און טערקיי, עס האָבן זיך פאַרבעסערט און זיינען געוואָרן באַשטימט צופרידנשטעליק די באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און איטאַליע, עס האָבן זיך פאַרבעסערט די באַ־ציאונגען מיט פראַנקרייך, פּוילן און מיט אַנדערע באַלטישע מלוכות. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן די באַציאונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, כינע, א. א. וו.

פון דער ריי פאַקטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די דערפאָלגן פון דער שלום־פּאָליטיק פון פ. ס. ס. ר. דאַרף מען פאַרצייכענען און אויסטיילן צוויי פאַקטן, וואָס האָבן אַן ספק אַן ערנסטע באַדייטונג.

1) איך האָב אין זינען, ערשטנס, דעם איבערבראָך צו בעסערן אין די באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פּוילן, צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פראַנקרייך, וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע צייט. אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי באַוואוסט, זיינען בא אונז מיט פּוילן געווען ניט קיין געהויבענע באַציאונגען. אין פּוילן האָט מען דערמאָרדעט פאָרשטייער פון אונזער מלוכה, פּוילן האָט זיך באַטראַכט אַלס באַריער פון די מערב־מלוכות קעגן פ. ס. ס. ר., אויף פּוילן האָבן אויסגערעכנט אַלע אימפּעריאַליסטן, ווי אויף אַוואַנגאַרד אין פאַל פון אַ מלחמה־אָנפאַל אויף פ. ס. ס. ר. ניט בעסער האָט עס געהאַלטן מיט די באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פראַנקרייך. עס איז גענוג צו דערמאָנען פאַקטן פון דער געשיכטע פון דעם געריכט איבער דער שעדיקער־גרופּע ראַמזינס אין מאָסקווע, כדי אויפשטעלן אין זכרון דאָס בילד פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטנפאַר־באַנד און פראַנקרייך. און אָט הייבן אָן די דאָזיקע אומגעוואונשענע באַציאונגען בּיסלעכווייז צו פאַרשווינדן, זיי ווערן פאַרביטן מיט אַנ־דערע באַציאונגען, וואָס מע קאָן זיי ניט אָנרופן אַנדערש, ווי דערנע־ענטערונג־באַציאונגען. עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דעם, וואָס מיר האָבן אונטערגעשריבן אַ פאַקט וועגן ניט־אָנפאַלן מיט די דאָזיקע לענדער. הגם פאַר זיך אַליין גענומען, האָט דער דאָזיקער פאַקט אַן אויסערסט ערנסטע באַדייטונג. עס האַנדלט זיך פריער פון אַלץ אין דעם, וואָס די אַטמאָספער, וואָס איז געווען אָנגעשטעקט מיט קעגנ־זייטיקן אומצוטרוי, הייבט אָן אויסצולייטערן זיך. דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אז דעם דערנעענטערונג־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנ־געמערקט, דאַרף מען באַטראַכטן אַלס גענוג פעסטן, וואָס באַוואָרנט דעם ענדגילטיקן דערפאָלג.

אומדערוואַרטקייטן און זיג־זאַגן פון דער פּאָליטיק, למשל, אין פּוילן, וואו די אַנטי־סאָוועטישע שטימונגען זיינען נאָך שטאַרק, קאָן מען נאָך ווייט ניט רעכענען פאַר אויסגעשלאָסן. נאָר אַן איבערבראָך צו בעסער אין אונזערע באַציאונגען, אומאָפּהענגיק פון זיינע רעזול־טאַטן אין דער צוקונפט, — איז אַ פאַקט, וואָס פאַרדינט, אַז מע זאָל

אים פאַרצייכענען און אַרויסרוקן פאַראויס אלס פאַקטאָר פון דער פאַרבעסערונג פון דער זאַך פון שלום.

וואו איז די סיבה פון דעם דאָזיקן איבערבראָך, מיט וואָס ווערט דאָס סטימולירט?

קודם־כל פון דעם וואוקס פון דער קראַפט און מעכטיקייט פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין אונזער צייט איז ניט אָנגענומען צו רעכענען זיך מיט שוואַכע, — מע רעכנט זיך בלויז מיט שטאַרקע. און נאָך דעם — מיט אייניקע ענדערונגען אין דער פּאָליטיק פון דייטשלאַנד, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם וואוקס פון די נאַצי׳יגע און אַ מפּעריאַליסטישע שטימונגען אין דייטשלאַנד.

אייניקע דייטשישע פּאָליטיקער זאָגן וועגן דעם, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד אָריענטירט זיך איצט אַף פראַנקרייך און פּוילן, אַז פון אַ קעגנער פון דעם ווערסאַלער אָפּמאַך איז ער געוואָרן זיין אָנהענגער, אַז די דאָזיקע ענדערונג דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין דייטשלאַנד האָט זיך איינגעשטעלט דער פאַשיסטישער רעזשים. דאָס איז ניט ריכטיק. פאַרשטייט זיך, מיר זיינען ווייט פון צו זיין באַגייסטערט פון פאַשיסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד. אָבער דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן פאַשיזם, כאָטש שוין דערפאַר, וואָס דער פאַשיזם, למשל, אין איטאַליע האָט ניט געשטערט דעם סאָוועטנפראַבאַנד איינצושטעלן די בעסטע באַציאונגען מיט דעם דאָזיקן לאַנד. די זאַך איז אויך ניט אין די כלומרשט׳דיקע ענדערונגען אין אונזער באַציאונג צום ווערסאַלער אָפּמאַך. ניט פאַר אונז, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די שאַנד פון בריסקער אָפּמאַך, פּאַסט צו באַזינגען דעם ווערסאַלער אָפּמאַך. מיר זיינען ניט מסכים בלויז מיט דעם, אַז צוליב דעם דאָזיקן אָפּמאַך זאָל די וועלט אריינגעשלײדערט ווערן אין דעם אָפּגרונט פון אַ נייער מלחמה. דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן דער כלומרשט׳ער איבעראָריענטירונג פון פ. ס. ס. ר. בײַ אונז איז ניט געווען קיין אָריענטאַציע אַף דייטשלאַנד, פּונקט ווי בײַ אונז איז ניט ניטאָ קיין אָריענטאַציע אַף פּוילן און פראַנקרייך. מיר האָבן זיך אָריענטירט אין דער פאַרגאַנגענהייט און אָריענטירט זיך אין דער קעגנוואַרט אַף פ. ס. ס. ר. און בלויז אַף פ. ס. ס. ר. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). און אויב די אינטערעסן פון פ. ס. ס. ר. פאָדערן אַ דערנענטערונג מיט די אָדער יענע לענדער, וואָס זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין ברעכן דעם שלום, גייען מיר דערויף איין אָן שום וואַקלונגען.

ניין, ניט וועגן דעם האַנדלט זיך עס. ס׳האַנדלט זיך וועגן דער ענדערונג פון דייטשלאַנד׳ס פּאָליטיק. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס נאָך איידער די איצטיקע דייטשישע פּאָליטיקער זיינען געקומען צו דער מאַכט, באַזונדערס אָבער נאָך זייער קומען — האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן צוויי פּאָליטישע ליניעס, צווישן דער אַלטער פּאָליטיק, וואָס האָט באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג אין די באַוואוסטע אָפּמאַכן פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיט דייטשלאַנד, און דער „נייער״ פּאָליטיק, וואָס דערמאָנט אין גרונט די פּאָליטיק פון דעם געוועזענעם דייטשישן קייזער, וואָס האָט איין צייט געהאַט אָקופּירט אוקראַינע און׳ האָט פאַרגענומען אַ מאַרש קעגן לענינגראַד, פאַרוואַנדלענדיק די באַלטישע לענדער אין אַ קאַמפּס־פעלד פאַר אַזאַ מאַרש. דערבײַ קריגט בפירוש די „נייע״ פּאָליטיק די אויבערהאַנט איבער דער אַלטער. מע קאָן ניט האַלטן פאַר קיין צופעליקייט דאָס, וואָס די מענטשן פון דער „נייער״ פּאָליטיק נעמען אין אַלץ די איבערוואָג, און די אָנהענגער פון דער אַלטער פּאָליטיק זיינען פאַרשטויסן געוואָרן. ניט

צופֿעליק איז אויך הוגענבערגס באַוואוסטע אַרויסטרעטונג אין לאָנדאָן, ווי אויך ניט צופֿעליק עס זיינען די ניט ווייניקער באַוואוסטע דעקלאַראַציעס ראָזענבערג׳ס, דעם אָנפֿירער פֿון דער אויסערן־פּאָליטיק פֿון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. אָט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, חברים.

2) איך האָב אין זינען, צווייטנס, דאָס אויפֿשטעלן די נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און די פֿאַראייניגטע שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע. עס קאָן קיין ספֿק ניט זיין אין דעם, אַז דער דאָזיקער אַקט האָט אַן אויסערסט ערנסטע באַדייטונג אין דער גאַנצער סיסטעם פֿון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. עס גייט ניט אין דעם בלויז, וואָס ער הייבט אויף די שאַנסן פֿון איינהיטן דעם שלום, וואָס ער פֿאַרבעסערט די באַציאונגען צווישן ביידע לענדער, פֿאַרפֿעסטיקט די האַנדל־פֿאַרבינדונגען צווישן זיי און שאַפֿט אַ באַזע פֿאַר קעגנזייטיקע מיטאַרבעט. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס ער לייגט אַ וועגצייכן צווישן דעם אַלטן, ווען אַמעריקע האָט זיך גערעכנט אין די פֿאַרשיידענע לענדער ווי אַ זייל פֿון אַלע אַנטי־סאָוועטישע טענדענצן, און דעם נייעם, ווען דער דאָזיקער זייל איז פֿרייוויליק אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון דעם וועג צום קעגנזייטיקן גונסטן פֿון ביידע לענדער.

אָט דאָס זיינען די צוויי גרונט־פֿאַקטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די דערפֿאָלגן פֿון דער סאָוועטישער שלום־פּאָליטיק.

עס וואָלט געווען ניט ריכטיג צו מיינען, אַז פֿאַרן באַריכט־פּעריאָד איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַטיק. ניין, בײַ אונז איז ווייט ניט אַלץ געגאַנגען גלאַטיק.

דערמאָנט זיך כאָטש דעם דרוק מצד ענגלאַנד, דעם עמבאַרגאָ, וואָס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַף אונזער עקספּאָרט, דעם פּרואוו אַריינצומישן זיך אין אונזערע אינערלעכע ענינים און אָנצוטאַפּן אונז אַף דעם, — אויספּרובירן די קראַפֿט פֿון אונזער ווידערשטאַנד. אמת, פֿון דעם דאָזיקן פּרואוו האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן, און דער עמבאַרגאָ איז נאָכדעם אַראָפּגענומען געוואָרן. אָבער אַן אומאָנגענעמער אָפּזאַץ פֿון די דאָזיקע אָנפֿאַלן לאָזט זיך נאָך אַלץ פֿילן אין אַלץ, וואָס איז נוגע די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, דערונטער אויך אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם האַנדל־אָפּמאַך.

און די דאָזיקע אָנפֿאַלן אַף פּ. ס. ס. ר. קאָן מען ניט רעכענען פֿאַר קיין צופֿעליקייט, עס איז באַוואוסט, אַז אַ טייל ענגלישע קאָנסערוואַטער־ס קאָן ניט לעבן אָן אַזוינע אָנפֿאַלן. און טאַקע דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען ניט קיין צופֿעליקע, דאַרפֿן מיר נעמען אין אַכט, אַז זיי וועלן אויך להבא אָנפֿאַלן אַף פּ. ס. ס. ר., שאַפֿן יעטווידער געפֿאַר און ברענגען שאָדן און ד. גל.

מע קאָן ניט אויך ניט האָבן אין זינען די באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און יאַפּאַן, וואָס נייטיקן זיך אין אַן ערנסטער פֿאַרבעסערונג. דאָס, וואָס יאַפּאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן אַ פּאַקט וועגן ניט־אָנפֿאַלן, וואָס אין אים נייטיקט זיך יאַפּאַן ניט ווייניקער איידער פּ. ס. ס. ר., שטרייכט אונטער אַן איבעריקן מאָל, אַז אַפֿן געביט פֿון אונזערע באַציאונגען איז ניט אַלץ בשלום. דאָס זעלבע דאַרף מען אויך זאָגן וועגן דער איבערייסונג פֿון די אונטערהאַנדלונגען, וועגן דער מזרח־כינעזישער אייזנבאַן, וואָס איז פֿאָרגעקומען ניט צוליב דער שולד פֿון דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אויך וועגן דעם, וואָס די יאַפּאַנישע אַגענטן טוען אָפּ ניטדערלאָזבאַרע מעשים אַף דער מזרח־כינעזישער אייזנבאַן, אַרעסטירן אומגעזעצלעך די סאָוועטישע אָנגע־

TESSIE SHENKER'S LIBRARY

שטעלטע אַף דער מזרח־כינעזישער אייזנבאַן, א. אַ. וו. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז אַ טייל מיליטער־לייט פון יאַפּאַן פרייידיקן אָפן אין דער פּרעסע די נויטווענדיקייט פון אַ מלחמה מיט פּ. ס. ס. ר. און דאָס פאַרכאַפּן פּרימאָריע בײַ דער אָפענער באַגיטיקונג פון אַ צווייטן טייל מיליטער־לייט, און די רעגירונג פון יאַפּאַן, אַנשטאָט רופן צו אָרדענונג די מלחמה־אונטערצינדער, מאַכט זי דעם אָנשטעל, אַז איר איז דאָס ניט נוגע. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז אַזוינע אומ־שטענדן קאָנען ניט ניט שאַפן קיין אַטמאָספער פון אומרו און אומזי־כערקייט. פאַרשטייט זיך, מיר וועלן אויך אַף ווייטער עקשנות'דיק דורכפירן די שלום־פּאָליטיק און שטרעבן פאַרבעסערן די באַציאונגען מיט יאַפּאַן, ווייל מיר ווילן פאַרבעסערן די דאָזיקע באַציאונגען. אָבער ניט אַלץ איז דאָ געווענדעט אָן אונז. דעריבער דאַרפן מיר צוזאַמען דערמיט אָננעמען אַלע מיטלען, כדי צו פאַרהיטן אונזער לאַנד פון אומ־געריכטקייטן און זיין גרייט צו באַשיצן עס פון אַן אָנפאַל. (שטור־מישע אַפּלאָדיסמענטן).

ווי איר זעט, האָבן מיר צוגלייך מיט די דערפאָלגן אין אונזער שלום־פּאָליטיק, אויך אַ ריי נעגאַטיווע דערשיינונגען.

אָט אַזאַ איז די אויסערלעכע פּאָליטיק פון פּ. ס. ס. ר.

אונזער אויסערלעכע פּאָליטיק איז קלאָר. זי איז די פּאָליטיק פון איינהיטן דעם שלום און פאַרשטאַרקן די האַנדל־באַציאונגען מיט אַלע לענדער. דער סאָוועטנפאַרבאַנד טראַכט ניט צו סטראַשן וועמען ניט איז, שוין אָפּגערעדט וועגן אָנפאַלן אַף וועמען ניט איז. מיר זיינען פאַר שלום און פאַרטיידיקן דעם שלום. אָבער מיר האָבן ניט מורא פאַר קיין סטראַשונקעס. מיר זיינען גרייט צו ענטפערן מיט אַ קלאַפּ אַפן קלאַפּ פון די מלחמה־אונטערצינדער. (שטורמישע אַפּלאָ־דיסמענטן). ווער עס וויל שלום און שטרעבט צו געשעפטלעכע פאַר־בינדונגען מיט אונז, יענער וועט שטענדיק געפינען בײַ אונז אונטער־שטיצונג. די אָבער, וואָס וועלן פּרואוון אָנפאַלן אַף אונזער לאַנד, — וועלן באַקומען אַ צעשמעטערנדיקן ווידערשטאַנד אַזוי, אַז זיי וועלן אַף ווייטער פאַרלירן דעם חשק צו שטעקן זייער חזיר'שע מאָרדע אין אונזער סאָוועטישן גאָרטן. (אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן).

אָט אַזאַ איז אונזער אויסערלעכע פּאָליטיק (אַ שטורעם אַפּלאָדיס־מענטן).

די אויפגאַבע באַשטייט אין דורכפירן אין לעבן אויך אַף ווייטער אונזער פּאָליטיק מיט דער גאַנצער איינגעשפּאַרטקייט און קאָנסעק־ווענטקייט.

2. דער כסדר'דיקער אויפשטייג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און די אינערלעכע לאַגע פון פּ. ס. ס. ר.

איך גיי אַריבער צו דער פראַגע וועגן דער אינערלעכער לאַגע פון פּ. ס. ס. ר.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אינערלעכער לאַגע פון פּ. ס. ס. ר. שטעלט מיט זיך פאָר דער באַריכט־פּעריאָד אַ בילד פון אַן אויפשטייג וואָס וויקלט זיך אַלץ מער פאַנאַנדער סיי אין געביט פון דער פאָלק־ווירטשאַפט און סיי אין געביט פון קולטור.

דער דאָזיקער אויפשטייג איז געווען ניט נאָר אַ פּשוטע קוואַנטי־טאַטיווע אָנזאַמלונג פון כחות. דער דאָזיקער אויפשטייג איז מער־

ווירדיק דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן פּרינציפּיעלע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון פ. ס. ס. ר. און האָט אַף אַ ראַדיקאַלן אופן געענדערט דאָס פּנים פון לאַנד.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַרן דאָזיקן פּעריאָד זיך קאַרדינאַל פאַרענדערט, ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם אויסזען פון הינטערשטעליקייט און מיטל־אַלטער. פון אַן אַגראַר לאַנד איז ער געוואָרן אַן אינדוסטריעל לאַנד. פון אַ לאַנד פון קליינער אינדיווידועלער לאַנדווירטשאַפט איז ער געוואָרן אַ לאַנד פון קאָלעקטיווער, קאָנצענטרירטער, מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט. פון אַ פינצטער לאַנד, אַן אַנאַלפאַבעטיש און קולטורלאָז לאַנד איז ער געוואָרן — ריכטיקער, ווערט ער — אַ שריפט־קענעוודיק און קולטורעל לאַנד, באַדעקט מיט אַ ריזיקער נעץ הויכע, מיטעלע און נידעריקע שולן, וואָס פונקציאָנירן אַף די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַליטעטן פון פ. ס. ס. ר.

עס זיינען געשאַפן נייע פּראָדוציר־צווייגן: ווערקשטעל־בויאונג, אַטאָמאָביל־אינדוסטריע, טראַקטאָר־אינדוסטריע, כעמישע אינדוסטריע, מאָטאָר־בויאונג, עראָפּלאַן־בויאונג, קאָמביין־בויאונג, די פּראָדוקציע פון מעכטיקע טורבינעס און גענעראַטאָרס, פון קוואַליטאַטיווע שטאָלן, פעראָשמעלצונגען, פון סינטעטישער גומי, אַזאָט, קינסטלעכע פיברעס און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן (דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

עס זיינען אויסגעבויט און געלאָזן געוואָרן אין גאַנג פאַרן דאָזיקן פּעריאָד טויזנטער נייע פולקום מאָדערנע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. עס זיינען אויסגעבויט אַזעלכע גיגאַנטן ווי דנעפּערבוי, מאַגניטבוי, קוזנעצבוי, טשעליאַבבוי, באָבריקי, אוראַלמאַשבוי, קראַמאַשבוי. עס זיינען רעקאָנסטרואירט אַף דער באַזע פון דער נייער טעכניק טויזנטער אַלטע אונטערנעמונגען. עס זיינען אויסגעבויט נייע אונטערנעמונגען און עס זיינען געשאַפן אינדוסטריעלע נעסטן אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און אין די ראַנד־געביטן פון פ. ס. ס. ר.: אין ווייס־רוסלאַנד, אין אוקראַאינע, אין צפון־קאַווקאַז, אין טראַנס־קאַווקאַז, אין מיטלאַזיע, אין קאַזאַקסטאַן, אין בוריאַטאָ־מאָנגאָליע, אין טאַטאַריע, באַשקיריע, אַף אוראַל, אין מזרח־און מערב־סיביר, אַפן ווייטן מזרח, א. אַ. וו.

עס זיינען געשאַפן איבער 200 טויזנט קאָלווירטן און 5 טויזנט ראַטווירטן (סאָווכאָזן) מיט נייע ראַיאָנע צענטערס און אינדוסטריעלע פּונקטן פאַר זיי.

עס זיינען אויסגעוואַקסן כמעט אַף אַ פּוסטן אָרט נייע גרויסע שטעט מיט אַ גרויסער צאָל באַפעלקערונג. עס האָבן זיך קאָלאָסאַל פאַנאַנדערגעוואַקסן די אַלטע שטעט און אינדוסטריעלע פּונקטן.

עס איז פאַרלייגט דער פונדאַמענט פון אוראַל־קוזנעצקער קאָמבינאַט — אַ פאַראייניקונג פון די קוזנעצקער קאָקסירנדיקע קוילן מיט אוראַלער אייזנאַרץ. די נייע מעטאַלורגישע באַזע אַפן מזרח קאָן מען אַזוי אַרום האַלטן פאַר פאַרוואַנדלט פון אַ טרוים אין אַ ווירקלעכקייט.

עס איז פאַרלייגט דער פונדאַמענט פון אַ נייער מעכטיקער אויל־באַזע אין די ראַיאָנען פון מעריב'דיקן און דרום'דיקן שיפּועס פון אוראַלער באַרג־רוקן — אין אוראַלער געגנט, באַשקיריע, קאַזאַקסטאַן.

עס איז קלאָר, אַז די קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען פון דער מלוכה אין אַלע צווייגן פון דער פאָלקווירטשאַפט, וואָס האָבן פאַרן באַריכט־פּעריאָד באַטראָפן מער פון 60 ביליאָן רובל, — זיינען ניט געגאַנגען אומזיסט און זיי הויבן שוין אָן געבן זייערע רעזולטאַטן.

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע דערגרייכונגען איז די פאָלק־הכנסה

פון פ. ס. ס. ר. געשטיגן פון 29 ביליאָן רובל אין 1929 ביז 50 ביליאָן אין 1933 יאָר, בעת די פּאָלק-הכנסה אין אַלע אָן אויסנאַם קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער איז פאַרן זעלבן פעריאָד שטאַרק געפאַלן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע דערגרייכונגען און אָט דער גאַנצער אויפשטייג האָבן געמוזט ברענגען — און האָבן ווירקלעך געבראַכט — צו דער ווייטערדיקער פאַרפעסטיקונג פון דער אינערלעכער לאַגע פון פ. ס. ס. ר.

ווי אַזוי האָבן געקאָנט פאָרקומען די דאָזיקע קאָלאָסאַלע ענדערונ־גען אין אַזעלכע 3—4 יאָר אויף דער טעריטאָריע פון אַ ריזיקער מלוכה מיט איר אָפּגעשטאַנענער טעכניק, מיט איר אָפּגעשטאַנענער קולטור? איז דאָס ניט קיין נס? דאָס וואָלט געווען אַ נס, ווען די אַנטוויקלונג וואָלט געגאַנגען אויף דער באַזע פון קאַפּיטאַליזם און פון אינדיווידועלער קליינווירטשאַפט. אָבער דאָס קאָן ניט אָנגערופן ווערן אַ נס, ווען מע האָט אין זינען, אַז די אַנטוויקלונג איז בײַ אונדז געגאַנגען אויפן גרונט פון פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע בויאונג.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער גיגאַנטישער אויפשטייג האָט גע־קאָנט פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן בלויז אויף דער באַזע פון דער דערפאָלג־רייכער בויאונג פון סאָציאַליזם, אויף דער באַזע פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן, אויף דער באַזע פון די פּאָר־צוגן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט-סיסטעם לגבי דער קאַפּי־טאַליסטישער און אינדיווידועל-פויערשער סיסטעם.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער קאָלאָסאַלער אויפ־שטייג פון דער עקאָנאָמיק און קולטור אין פ. ס. ס. ר. פאַרן באַריכט־פעריאָד האָט צוזאַמען דערמיט באַטײַט די ליקווידאַציע פון די קאַ־פּיטאַליסטישע עלעמענטן און די אָפּשטויסונג אויפן הינטער-פּלאַן די אינ־דיווידועלע פויערשע ווירטשאַפט. עס איז אַ פאַקט, אַז דער ספּעציפי־שער געוויכט פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט-סיסטעם אין געביט פון דער אינדוסטריע באַטרעפט בײַ איצטיקער צייט 99 פּראָצענט, און אין דער לאַנדווירטשאַפט, אויב מע זאָל האָבן אין אויג די פאַרזיי־שטח'ן פון קערנער-קולטור — 84.5 פּראָצענט. דאָן, ווען אויפן חלק פון דער אינדיווידועלער פויערשער ווירטשאַפט קומט אויס אינגאַנצן 15,5 פּראָצענט.

קומט אויס, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז פ. ס. ס. ר. איז שוין ליקווידירט, און דער אינדיווידועל-פויערשער סעקטער אין דאָרף איז אָפּגעשטויסן אויף צווייט-ראַנגיקע פּאָזיציעס.

לענין האָט באַם איינפירן דעם נעפּ געזאָגט, אַז אין אונזער לאַנד זיינען פאַראַן עלעמענטן פון 5 געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע פאָרמאַ־ציעס:

1) די פּאַטריאַרכאַלע ווירטשאַפט (אין אַ באַדייטנדיקער מאָס נאַ־טורעלע ווירטשאַפט), 2) קליין-סחורה'דיקע פּראָדוקציע (די מערהייט פויערים, וואָס פאַרקויפן ברויט), 3) דער פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכער קאַ־פּיטאַליזם, 4) דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם, 5) דער סאָציאַליזם. לעניען האָט געהאַלטן, אַז פון אָט די אַלע פאָרמאַציעס דאַרף סוף-כל-סוף אָנהויבן הערשן די סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע. מיר קאָנען איצט זאָגן, אַז די ערשטע, דריטע און פערטע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס עקזיסטירן שוין ניט, די צווייטע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע פאָרמאַ־ציע איז אָפּגעשטויסן אויף צווייט-ראַנגיקע פּאָזיציעס, און די פינפטע גע־זעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע פאָרמאַציע — די סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע איז די איינציק-הערשנדיקע און די איינציקע קאָמאַנדע-קראַפט אין דער

גאנצער פּאָלק־ווירטשאַפט (שטורמישע דויערהאַפטע אַפּלאָדיסמענטן).

אַזאַ איז דער סך־הכל.

אין אָט דעם סך־הכל איז דער יסוד פאַר דער פעסטקייט פון דער אינערלעכע לאַגע אין פ. ס. ס. ר., דער יסוד פאַר דער שטאַנדהאַפטי־קייט פון זיינע אוואַנגאַרדישע און הינטערלאַנד־פּאָזיציעס, אין דער סי־טואַציע פון קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג.

לאָמיר אַריבערגיין צו באַטראַכטן די קאָנקרעטע מאַטעריאַלן לויט באַזונדערע פראַגן פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

1. דער אויפשטייג פון דער אינדוסטריע.

פון אַלע צווייגן פון דער פאָלקווירטשאַפט איז ביי אונז שנעלער פון אַלץ געוואַקסן די אינדוסטריע. פאַרן באַריכט־פּעריאָד, ד. ה. אָנ־געהויבן פון 1930 יאָר, איז בא אונז די אינדוסטריע אויסגעוואַקסן מער ווי אין צווייען, נעמלעך, אַף 101.6 פּראָצענט, און אין פאַרגלייך מיטן פאַר׳מלחמה־ניוואָ איז זי אויסגעוואַקסן כמעט אין פיר מאָל, נעמ־לעך, אַף 291.9 פּראָצענט.

דאָס באַטייט, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע איז בא אונז געגאַנגען מיטן פולן דאַמף.

דער שנעלער וואוקס פון דער אינדוסטריאַליזאַציע האָט געבראַכט דערצו, אַז אין דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער גאַנצער פאָלקווירט־שאַפט האָט די פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע פאַרנומען דאָס הער־שנדיקע אָרט.

אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע.

דער פּראָצענט פון דער אינדוסטריע אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע פון דער פאָלק־ווירטשאַפט

(לויט די פרייזן פון די יאָרן 1926־1927)

	1913	1929	1930	1931	1932	1933
1. אינדוסטריע . . .	42.1	54.5	61.6	66.7	70.7	70.4
2. לאַנדווירטשאַפט .	57.9	45.5	38.4	33.3	29.3	29.6
סך־הכל	100.0	100.0	100.0	100.0	100.0	100.0

דאָס הייסט, אַז אונזער לאַנד איז פעסט און ענדגילטיק געוואָרן אַן אינדוסטריעל לאַנד.

אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אין פּרט פון אינדוסטריאַליזאַציע האָט דער וואוקס פון דער פּראָדוקציע פון געצייג און פּראָדוציר־מיטלען אין דעם אַלגעמיינעם פאַרנעם פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוס־טריע. די אָנגאַבן פאַרן באַריכט־פּעריאָד באַווייזן, אַז דאָס ספּעצי־פישע געוויכט פון דעם דאָזיקן אָפּטייל אין דעם אַלגעמיינעם אויפשטייג פון דער אינדוסטריע האָט פאַרנומען דאָס הויפּט אָרט.

אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע:

די פּראָדוקציע פון די צוויי גרונט־גרופּעס פון דער גרויסער אינדוסטריע

(לויט די פּרייזן פון די יאָרן 1926־1927)

	די ברוטאָ־פּראָדוקציע (אין ביליאָנען רובל)				
	1929	1930	1931	1932	1933
די גאַנצע גרויסע אינדוסטריע . .	21.0	27.5	33.9	38.5	41.9
„א“ געצייג און פּראָדוציר־מיטלען	10.2	14.5	18.8	22.0	24.3
„ב“ געברויך־זאַכן	10.8	13.0	15.1	16.5	17.6
אין פּראָצענטן פון דער גאַנצער אינדוסטריע					
„א“ געצייג און פּראָדוציר־מיטלען	48.5	52.6	54.4	57.0	58.0
„ב“ געברויך־זאַכן	51.5	47.4	44 6	43.0	42.0
סך־הכל . . . 100.0	100.0	100.0	100.0	100.0	100.0

די טאַבעלע ווי איר זעט, נייטיקט זיך ניט אין קיין דערקלערונגען.

אין אונזער לאַנד, וואָס איז נאָך אַלץ יונג אין טעכנישער הינזיכט, האָט די אינדוסטריע אַ ספּעציעלע אויפגאַבע. זי דאַרף רעקאָנסטרויִרן אַף אַ נייער טעכנישער באַזע ניט נאָר זיך אַליין, ניט נאָר אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע, דערונטער אויך די לייכטע אינדוסטריע, די שפּייז־אינדוסטריע און די וואַלד־אינדוסטריע. זי דאַרף נאָך רעקאָנסטרויִרן אַלע מינים טראַנספּאָרט און אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. זי קאָן אָבער אויספילן די דאָזיקע אויפגאַבע בלויז אין דעם פאַל, אויב די מאַשינבויאונג — דער גרונט־הייבער פון דער רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקווירטשאַפט וועט פאַרנעמען אין איר דאָס הויפּט אָרט. די אָנגאַבן פאַרן באַריכט־פּעריאָד באַווייזן, אַז די מאַשינבויאונג האָט דעראָבערט בא אונז די פירנדיקע ראָליע אין דעם אַלגעמיינעם פאַרנעם פון דער אינדוסטריע.

אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע:

די באַזונדערע צווייגן פון דער אינדוסטריע אין פּראָצענטן צום סך־הכל פון דער ברוטאָ־פּראָדוקציע

	1913	1929	1932 (פ. ס. ס. ר.)	1933
קוילן־אינדוסטריע	2.9	2.1	1.7	2.0
קאָקס־אינדוסטריע	0.8	0.4	0.5	0.6
אינדוסטריע פון נאַפט־אַרויסבאַקום .	1.9	1.8	1.5	1.4
אינדוסטריע פון נאַפט־באַאַרבעטונג .	2.3	2.5	2.9	2.6
שוואַרצע מעטאַלורגיע . . .	ניטאָ קיין ידיעות	4.5	3.7	4.0
קאָלירטע מעטאַלורגיע		1.5	1.3	1.2
מאַשין־בויאונג	11.0	14.8	25.0	26.1
גרונטיקע כעמיע	0.8	0.6	0.8	0.9
בוימוואָל־אינדוסטריע	18.3	15.2	7.6	7.3
וואָל־אינדוסטריע	3.1	3.1	1.9	1.8

דאָס באַטייט, אַז די אינדוסטריע אונזערע אַנטוויקלט זיך אַף אַ געזונטער באַזע, און דער שליסל פון דער רעקאָנסטרוקציע — די מאַשינבויאונג — געפינט זיך אינגאַנצן בא אונז אין די הענט. ס'איז בלויז נויטיק, אַז ער זאָל אויסגענוצט ווערן געניט, ראַציאָנאַל.

אַן אינטערעסאַנט בילד דעקט אויף די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע פאַרן באַריכט־פּעריאָד לויט די סאָציאַלע סעקטערס.

אָט איז די אַנטשפּרעכענדיקע טאַבעלע:

די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער גרויסער אינדוסטריע לויט די סאָציאַלע סעקטערס

(אין די פּרייזן פון 1926־1927)

	די ברוטאָ־פּראָדוקציע אין מיליאָנען רובל				
	1929	1930	1931	1932	1933
די גאַנצע פּראָדוקציע . . .	21,025	27,477	33,903	38,464	41,968
דערונטער:					
1. די פאַרגעזעלשאַפטלעכע אינדוסטריע	20,891	27,402	ניטאָ קיין ידיעות	38,436	41,940
דערונטער:					
א) די מלוכה־אינדוסטריע . . .	19,143	24,989	"	35,587	38,932
ב) די קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע	1,748	2,413	"	2,849	3,008
2. די פּריוואַטע אינדוסטריע . .	134	75	"	28	28
			אין פּראָצענטען		
די גאַנצע פּראָדוקציע . . .	100	100	100	100	100
דערונטער:					
1. די פאַרגעזעלשאַפטלעכע אינדוסטריע . . . . . . עיאעיאעי	99.4	99,7	ניטאָ קיין ידיעות	99,93	99,93
דערונטער:					
א) די מלוכה־אינדוסטריע . . .	91.1	90.9	"	92.52	92.76
ב) די קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע	8.3	8.8	"	7.41	7.17
2. די פּריוואַט־אינדוסטריע . .	0.6	0.3	"	0.07	0.07

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז צו די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער אינדוסטריע האָט מען שוין געמאַכט אַ סוף און די סאָציאַליסטישעווירטשאַפט־סיסטעם איז איצט די איינציקע און מאָנאָפּאָל־סיסטעם אין אונזער אינדוסטריע. (אַפּלאָדיסמענטן).

אָבער פון אַלע דערגרייכונגען פון דער אינדוסטריע, וואָס זי האָט דערגרייכט פאַרן באַריכט־פּעריאָד, דאַרף מען רעכענען פאַר דער וויכטיקסטער דערגרייכונג דעם פאַקט, וואָס זי האָט פאַר דער דאָזיקער צייט באוויזן צו דערציען און אויסשמידן טויזנטער נייע מענטשן און נייע אָנפירער פון דער אינדוסטריע, גאַנצע שיכטן נייע אינזשענירן און טעכניקער, הונדערטער טויזנטער יונגע קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס האָבן באַהערשט די נייע טעכניק און וואָס האָבן אַ רוק געטאָן פאָראויס די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע. עס קאָן קיין ספק ניט זיין אין דעם, אַז אָן די דאָזיקע מענטשן וואָלט די אינדוסטריע ניט געקענט האָבן די דערפאָלגן, וואָס זי האָט איצט און מיט וועלכע זי האָט רעכט צו שטאָלצירן. די אָנגאַבן באַווייזן, אַז פאַרן באַריכט־פּעריאָד האָט די אינדוסטריע ארויסגעלאָזן פאַר דער פּראָדוקציע פון די פאַבריק־זאַוואָדישע שולן באַ 800 טויזנט מער אָדער ווייניקער קוואַליפיצירטע אַרבעטער, און פון די טעכנישע הויכשולן, הויכשולן און טעכניקומען — העכער 580 טויזנט אינזשינירן און טעכניקער. אויב עס איז ריכטיק, אַז די קאַדרען־פּראָבלעם איז די סאַמע ערנסטע פּראָבלעם פון אונזער אַנטוויקלונג, דאַרף מען אָנערקענען, אַז אונזער אינדוסטריע הייבט אָן ערנסט צו באַהערשן די דאָזיקע פּראָבלעם.

אָט דאָס זיינען די גרונט־דערגרייכונגען פון אונזער אינדוסטריע. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז די אינדוסטריע

האָט געהאַט בלויז דערפּאָלגן. ניין, זי האָט אויך אירע פעלערן. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען:

א) די דויערנדיקע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע;

ב) די ניט־איינגעאָרדנטקייט פון דער קאָלירטער מעטאַלורגיע;

ג) דאָס ניט דערשאַצן די אויסערסט־ערנסטע באַדייטונג פון דער אַנטוויקלונג פון דעם ארויסבאַקומען פון די אָרטיקע קוילן אין דעם אַלגעמיינעם הייצוואַרג־באַלאַנס פון לאַנד (ביימאָסקווער ראַיאָן, קאַווקאַז, אוראַל, קאַראַגאַנדאַ, מיטלאַזיע, סיביר, ווייטער מזרח, צפון־קאַנט, א. א. וו.);

ד) דאָס וואָס עס איז ניטאָ קיין געהעריקע אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע פון אָרגאַניזירן אַ נייע אויל־באַזע אין די ראַיאָנען פון אוראַל, באַשקיריע, עמבאַ;

ה) דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין ערנסטע זאָרג וועגן פאַנאַנדערוויקלען די פּראָדוקציע פון די סחורות פאַרן מאַסן־געברויך סיי אין דער לייכטער אינדוסטריע און אין דער שפּייז־אינדוסטריע, סיי באַם פּאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר דער לייכטער אינדוסטריע און אין דער וואַלד־אינדוסטריע;

ו) דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין געהעריקע אופמערקזאַמקייט צו דער פראַגע וועגן פאַנאַנדערוויקלען די אָרטיקע אינדוסטריע;

ז) די אַבסאָלוט ניטדערלאָזבאַרע באַציאונג צו דער פראַגע וועגן פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע:

ט) דאָס, וואָס עס הערט ניט אויף די אָפּגעשטאַנענקייט אין דעם פּרט פון אופהייבן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, פון אַראָפּזעצן דעם קרן־קאָסט, פון איינגלידערן דעם ווירטשאַפטלעכן אויסהאַלט (געשעפטלעכע חשבון־פירונג);

י) די נאָך אַלץ ניט ליקווידירטע שלעכטע אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט און פון אַרבעטסלוין, די אַנאָנימקע (אומפּערזענליכקייט) אין דער אַרבעט, די אויסגלייכעריי אין דער אַרבעטלוין־סיסטעם;

כ) דער נאָך ווייט ניט־ליקווידירטער קאַנצעליאַריש־ביוראָקראַטישער מעטאָד פון דער אָנפירונג אין די ווירטשאַפטלעכע פּאָלקס־קאָמיסאַריאַטן און אין זייערע אָרגאַנען, דערונטער אין די פּאָלקס־קאָמיסאַריאַטן פון דער לייכטער אינדוסטריע און פון דער שפּייז־אינדוסטריע.

עס איז קוים נויטיק צו דערקלערן די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט צו ליקווידירן אַף אַ דרינגענדיקן אופן די דאָזיקע פעלערן. די שוואַרצע און קאָלירטע מעטאַלורגיע, ווי באַוואוסט, האָט ניט אויסגעפּילט דעם פּלאַן אין פאַרלויף פון דעם ערשטן פינף־יאָר, זיי האָבן אים ניט אויסגעפּילט אויך פאַרן ערשטן יאָר פון צווייטן פינף־יאָר. אויב זיי וועלן ווייטער אָפּשטיין, קאָנען זיי זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טאָרמאָז פאַר דער אינדוסטריע און אין דער סיבה פון אירע דורכרייסן. וואָס איז שייך דעם שאַפן נייע באַזעס פאַר דער קוילן־און אויל־אינדוסטריע, איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז ניט אויספילנדיק די דאָזיקע דרינגענדיקע אויפגאַבע, קאָנען מיר אַוועקזעצן אַף אַ זאַמד באַנק אי די אינדוסטריע, אי דעם טראַנספּאָרט. די פראַגע וועגן סחורות פאַרן מאַסן־געברויך און וועגן

אַנטוויקלען די אָרטיקע אינדוסטריע, ווי אויך די פראַגע וועגן פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע, וועגן אויפהויבן די אַרבעט פּראָדוקטיווקייט, וועגן אַראָפּזעצן דעם קרן־קאָסט און איינגלידערן דעם ווירטשאַפטלעכן אויסהאַלט, — נייטיקט זיך אויך ניט אין קיין דערקלערונג. וואָס אָנבאַלאַנגט די שלעכטע אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט און פון אַרבעטלוין און דעם קאַנצעליאַריש־ביוראָקראַטישן מעטאָד פון דער אָנפירונג, שטעקט די דאָזיקע געפערלעכע קראַנקייט, ווי דאָס האָט באַוויזן די געשיכטע מיט דאָנבאַס, ווי אויך מיט די אונטערנעמונגען פון דער לייכטער אינדוסטריע און פון דער שווערער אינדוסטריע, אין אַלע אינדוסטריע־צווייגן און טאָרמאָזירט זייער אַנטוויקלונג. אויב זי וועט ניט ליקווידירט ווערן, וועט די אינדוסטריע הינקען אויף ביידע פיס.

די אָרדענטלעכע אויפגאַבן זיינען:

1) איינהיטן פאַר דער מאַשינבויאונג איר איצטיקע פירנדיקע ראָליע אין דער סיסטעם פון דער אינדוסטריע;

2) ליקווידירן די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע;

3) ברענגען אין אָרדענונג די קאָלירטע מעטאַלורגיע;

4) פאַנאַנדערוויקלען ביז גאָר דעם ארויסבאַקום פון די אָרטיקע קוילן אין אַלע שוין באַוואוסטע ראַיאָנען, אָרגאַניזירן נייע ראַיאָנען פון קוילן־אַרויסבאַקום (למשל אין דעם בורייער ראַיאָן און וויטן מזרח), פאַרוואַנדלען קוזבאַס אין דעם צווייטן דאָנבאַס. (דויערנדיקע אָפּלאָדיסמענטן).

5) נעמען זיך ערנסט אָרגאַניזירן אַן אויל־באַזע אין די ראַיאָנען פון די מערב'דיקע און דרום'דיקע זייטן פון דעם אוראַלער באַרג־רוקן.

6) פאַנאַדערוויקלען די פּראָדוקציע פון סחורות פאַרן מאַסן־געברויך לויט אַלע ווירטשאַפטלעכע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן.

7) פאַנאַנדערבינדן די אָרטיקע סאָוועטישע אינדוסטריע, געבן איר אַ מעגלעכקייט ארויסצואווייזן איניציאַטיוו אין דעם פרט פון פּראָדוצירן סחורות פאַרן מאַסן־געברויך און העלפן איר ווי ווייט מעגלעך מיט רוי־וואַרג און מיטלען.

8) פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון די סחורות, וואָס ווערן ארויסגעלאָזן, אויפהערן ארויסלאָזן ניט קאָמפּלעקטע פּראָדוקציע און באַשטראָפן יענע אַלע חברים, ניט שאַנעווענדיק קיין פערזאָנען, וואָס ברעכן אָדער גייען פאַרביי די געזעצן פון דער ראַטנמאַכט וועגן דער קוואַליטעט און וועגן דער קאָמפּלעטקייט פון דער פּראָדוקציע.

9) דערשלאָגן זיך אַ סיסטעמאַטישן וואוקס פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, פון אַראָפּזעצן דעם קרן־קאָסט פון איינגלידערן דעם ווירטשאַפטלעכן אויסהאַלט.

10) צעקלאַפּן די אַנאָנימקע אין דער אַרבעט און די אויסגלייכעריי אין דער אַרבעטלוין־סיסטעם.

11) ליקווידירן דעם קאַנצעליאַריש־ביוראָקראַטישן מעטאָד פון דער אָנפירונג אין אַלע רינגען פון די ווירטשאַפטלעכע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן, דורכקאָנטראָלירנדיק סיסטעמאַטיש, ווי אַזוי די אונטערשטע אָרגאַנען פילן אויס די באַשלוסן און די אָנווייזונגען פון די אָנפירנדיקע צענטערס.

2. דער אויפשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט

עטוואָס אַנדערש איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט. אסך מאָל לאַנגזאַמער איידער אין דער אינדוסטריע,

אָבער דאָך שנעלער, איידער אין דעם פּעריאָד, ווען עס האָט דאָמינירט די אינדיווידועלע ווירטשאַפט, איז פאַרן באַריכט־פּעריאָד אָנגעוואַקסן דער אויפשטייג אין די גרונט־צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. און אין דעם פיצוכט־צווייג האָבן מיר אפילע געהאַט אַ פאַרקערטן פּראָצעס, — דאָס פאַלן פון פי, און ערשט אין יאָר 1933, און דאָס אויך בלויז אין איין חזירים־צוכט, האָבן זיך אָנגעמערקט סמנים פון אויפשטייג.

קלאָר, אַז די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן פון פאַראייניקן די צעשפּליטערטע קליינע פּויערשע ווירטשאַפט אין קאָלווירטן, די שווערע זאַך פון שאַפן כמעט אַף אַ פוסטן אָרט אַ גרויסע צאָל קאָנצענטרירטע קערנער־ און פיצוכט־ווירטשאַפטן און בכלל דער ר ע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י־ אָ נ ע ל ע ר פּעריאָד פון איבערבויען און אַריבערפירן די אינדיווידועלע לאַנדווירטשאַפט אַף נייע קאָלווירטישע רעלסן, וואָס פאָדערט אַסאַך צייט און גרויסע הוצאות, — אָט די אַלע פאַקטאָרן האָבן אומפאַרמיידלעך פאַראויס באַשטימט סיי די לאַנגזאַמע טעמפּן אין דעם אויפשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט, סיי דעם פאַרהעלטנמעסיק לאַנגן פּעריאָד פון דער ירידה אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פי.

אין תוך פון דער זאַך איז דער באַריכט־פּעריאָד פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפט געווען ניט אַזוי אַ פּעריאָד פון שנעלן אויפשטייג און מעכטיקן אויפשוואונג, ווי אַ פּעריאָד פון שאַפן די פאָרבאַדינגונגען פאַר אַזאַ אויפשטייג און אַזאַ אויפשוואונג ערשט אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

אויב מע זאָל נעמען די אָנגאַבן וועגן וואוקס פון די פאַרזיי־שטח'ן פון אַלע קולטורן און דערנאָך באַזונדער — די טעכנישע קולטורן, ווערט די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט פאַרן באַריכט־פּעריאָד געמאָלט אַז אַזאַ אופן.

פאַרזיי־שטח'ן פון אַלע קולטורן אין פ. ס. ר.

	אין מיליאָנען העקטאַרן					
	1913	1929	1930	1931	1932	1933
דער גאַנצער פאַרזיי־שטח . .	105.0	118.0	127.2	136.3	134.4	129.7
דערונטער:						
א) קערנער	94.4	96.0	101.8	104.4	99.7	101.5
ב) טעכנישע	4.5	8.8	10.5	14.0	14.9	12.0
ג) גערטנער־באַשטאַנען . . .	3.8	7.6	8.0	9.1	9.2	8.6
ד) פיטער	2.1	5.0	6.5	8.8	10.6	7.3

די פאַרזיי־שטח'ן פון טעכנישע קולטור אין פ. ס. ר.

	אין מיליאָנען העקטאַרן					
	1913	1929	1930	1931	1932	1933
בוימוואָל	0.69	1.06	1.58	2.14	2.17	2.05
ליין	1.02	1.63	1.75	2.39	2.51	2.40
צוקער־בורעקעס	0.65	0.77	1.04	1.39	1.54	1.21
אייל־געוויקסן	2.00	5.20	5.22	7.55	7.98	5.79

די דאָזיקע טאַבעלעס שפּיגלען אָפּ צוויי גרונט־ליניעס אין דער לאַנדווירטשאַפט:

1) די ליניע צו פאַרברייטערן מיט אַלע מיטלען די פאַרזיי־שטח'ן אין דעם פּעריאָד פון רעכטן ברעג פון רעאָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפט, ווען די קאָלווירטן פלעגן געשאַפן ווערן צענדליקער טויזנטערווייז, ווען זיי פלעגן אַראָפּטרייבן די באַלעגופים פון דער ערד, פלעגן

פאַרכאַפּן די באַפּרייטע ערד און אַריינגעמען זיי אין זייערע הענט.

2) די ליניע פון אָפּזאָגן זיך פון אַ הורטאָוון פאַרברייטערן די פאַרזיי־שטח׳ן צו אַ פאַרבעסערטער באַאַרבעטונג פון דער ערד, צום איינגלידערן אַ ריכטיקן זיי־פּאַרקער און שוואַרצברוך, צו העכערן די גערעטנקייט און, אויב דאָס וועט פאָדערן די פּראַקטיק, — צו אַ צייט־ווייליקער פאַרקלענערונג פון די עקזיסטירנדיקע פאַרזיי־שטח׳ן.

ווי עס איז באַוואוסט, איז די צווייטע ליניע, — די איינציקע ריכ־טיקע ליניע אין דער לאַנדווירטשאַפט, — פּראָקלאַמירט געוואָרן אין יאָר 1932, ווען דער רעאָרגאַניזאַציאָנעלער פּעריאָד אין דער לאַנדווירט־שאַפט האָט זיך דערנעענטערט צו ענדע, און די פראַגע וועגן העכערן די גערעטנקייט איז געוואָרן איינע פון די גרונט־פראַגן פאַרן אויפשטייג אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אָבער די אָנגאַבן וועגן דעם וואוקס פון די פאַרזיי־שטח׳ן קאָן מען ניט האַלטן פאַר פולקום בנוגע ציינערס אין דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. עס טרעפט, אַז שטח׳ן וואַקסן און די פּראָדוקציע וואַקסט ניט, אָדער אַפילע אַז זי פאַלט, איבער דעם, וואָס די באַאַרבע־טונג פון דער ערד האָט זיך פאַרערגערט און די גערעטנקייט אַף אַן איינס פון דעם שטח איז געפאַלן. איבער דעם מוז מען די אָנגאַבן וועגן די שטח׳ן דערגאַנצן מיט די אָנגאַבן וועגן דער ברוטאָ־פּראָדוקציע.

אָט איז אַן אַנטשפּרעכיקע טאַבעלע:

די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון די קערנער און טעכנישע קולטורן אין פ. ס. ר.

אין מיליאָנען צענטנערס

	1913	1929	1930	1931	1932	1933
קערנער	801.0	717.4	835.4	694.8	698.7	898.0
בוימוואָל (רויער) . .	7.4	8.6	11.1	12.9	12.7	13.2
לײַן (פיבערס)	3.3	3.6	4.4	5.5	5.0	5.6
צוקער־בורעקעס . . .	109.0	62.5	140.2	120.5	65.6	90.0
אייל (געוויקסן) . . .	21.5	35.8	36.2	51.0	45.5	64.0

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז קאָנטיק, אַז די יאָרן פון דעם גרעסטן אויפבויז אין דער רעאָרגאַניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט— די יאָרן 1931 און 1932 — זיינען געווען יאָרן פון דער גרעסטער פאַר־קלענערונג פון דער פּראָדוקציע פון קערנער־קולטורן.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע דרינגט ארויס, ווידער, אַז אין די ראַ־יאָנען, וואו די רעאָרגאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט איז געגאַנגען מיט ווייניקער שנעלע טעמפּן, האָט דער לײַן און בוימוואָל כמעט גאָר־ניט געליטן און זיינען געגאַנגען באַרג־אַרויף מער־ווייניקער גלייכמעסיק און אומאָפּהייגלעך, איינהיטנדיק דעם הויכן ניוואָ פון זייער אַנטוויק־לונג.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע פאָלגט, דריטנס, אַז אין דער צייט, ווען די אייל־קולטורן האָבן געליטן בלויז אַ געוויסע וואַקלעניש, איינהיטנדיק דעם הויכן ניוואָ פון זייער אַנטוויקלונג אין פאַרגלייך מיטן פאַר׳מלחמה־ניוואָ, האָבן די צוקער־בורעקעס, וואָס אין זייערע ראַיאָנען האָבן זיך גע־מערקט די העכסטע טעמפּן פון רעאָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפט און וואָס זיי זיינען די לעצטע אריינגעטראָטן אין דעם רעאָרגאַניזאַציע־פּעריאָד, — זיי האָבן געליטן די גרעסטע ירידה אין דעם לעצטן יאָר פון דער רעאָרגאַניזאַציע — אין 1932, האָבנדיק אראָפּגעזעצט די פּראָדוק־ציע נידעריקער פון דעם פאַר׳מלחמה־ניוואָ.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע קומט אויס, ענדלעך, אַז דאָס יאָר 1932 — דאָס ערשטע יאָר נאָכן פאַרענדיקן דעם רעאָרגאַניזאַציע־פּעריאָד — איז אַן איבערבראָך־יאָר אין דער אַנטוויקלונג פון די קערנער און טעכנישע קולטורן.

דאָס באַטייט, אַז פריער פון אַלץ די קערנער־קולטורן און נאָך זיי — די טעכנישע קולטורן וועלן פון איצט אָן גיין פעסט און זיכער צו אַ מעכטיקן אויפשטייג.

מער קרענקלעך האָט איבערגעטראָגען דעם רעאָרגאַניזאַציע־פּעריאָד דער פיצוכט־צווייג פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע:

די פי־טשערעדע אין פ. ס. ס. ר.

אין מיליאָנען שטיק	1916	1929	1930	1931	1932	1933
א) פערד	35.1	34.0	30.2	26.2	19.6	16.6
ב) גרויסע האָרן־פי . .	58.9	68.1	52.5	47.9	40.7	38.6
ג) שעפּסן און ציגן . .	115.2	147.2	108.8	77.7	52,1	50.6
ד) חזירים	20.3	20.9	13.6	14.4	11.6	12.2

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז לויט דער פי־טשערעדע האָבן מיר פאַרן באַריכט־פּעריאָד ניט קיין אויפשטייג, נאָר אַן אַלץ־דויערנדיקע פאַרקלענערונג אין פאַרגלייך מיטן פאַר'מלחמה־ניוואָ. ווייזט אויס, אַז, פון איין זייט, דאָס, וואָס די פיצוכט־צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט זיינען אַמערסטן געווען אָנגעזאַפּט מיט גרויס־באַלעבאָטישע עלעמענטן, און פון דער צווייטער זייט, די פאַרשטאַרקטע באַלעבאָטישע אַגיטאַציע פאַר אויסקוילען דאָס פי, וואָס האָט געהאַט אַ גינסטיקן באָדן אין די יאָרן פון דער רעאָרגאַניזאַציע, — האָבן געפונען זייער אָפּשפּיגלונג אין דער דאָזיקער טאַבעלע.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע דרינגט, ווייכער, אַרויס, אַז די פאַרקלענערונג פון דער טשערעדע האָט זיך אָנגעהויבן באַלד פון דעם ערשטן יאָר פון דער רעאָרגאַניזאַציע (1930) און דויערט ביז סאַמע 1933. דערביי איז די פאַרקלענערונג פאָרגעקומען אַמשטאַרקסטן אין די ערשטע דריי יאָר, און אין 1933, אין דעם ערשטן יאָר נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער רעאָרגאַניזאַציע־פּעריאָד, ווען די קערנער־קולטורן זיינען אוועק צום אויפשטייג, איז די גרייס פון דער פאַרקלענערונג פון דער טשערעדע דערגאַנגען ביזן מינימום.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע דרינגט, ענדלעך, אַרויס, אַז אין דער חזירים־צוכט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ פאַרקערטער פּראָצעס און אין 1933 האָבן זיך שוין אָנגעמערקט סמנים פון דירעקטן אויפשטייג.

דאָס באַטייט, אַז דאָס יאָר 1934 דאַרף און קאָן ווערן אַ יאָר פון איבערבראָך, פון אויפשטייג אין דער גאַנצער פיצוכט־ווירטשאַפט.

ווי האָט זיך בא אונדז אַנטוויקלט די קאָלעקטיוויזאַציע פון די פּויערשע ווירטשאַפטן פאַרן באַריכט־פּעריאָד?

אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע:

קאָלעקטיוויזאַציע:

	1929	1930	1931	1932	1933
די צאָל קאָלווירטן (אין טויזנטער)	57.0	85.9	211.1	211.05	224.5
צאָל ווירטשאַפטן אין די קאָלווירטן (אין מיליאָנען)	1.0	6.0	13.0	14.9	15.2
% קאָלעקטיוויזאַציע פון די פּויערשע ווירטשאַפטן . . .	3.9	23.6	52.7	61.5	65.0

און ווי איז געגאַנגען די באַוועגונג פון די קערנער־פאַרזיי־שטח׳ן לויט די סעקטערס?
אָט איז די אַנטשפּרעכנדיקע טאַבעלע:

פאַרזיי־שטח׳ן פון די קערנער־קולטורן לויט די סעקטערס

סעקטערס	פאַרזיי פון קערנערקולטורן אין מיליאָנען העקטאַרן 1929	1930	1931	1932	1933	אין פּראָצ. צום שטח פון 1933
1. ראַטווירטן	1.5	2.9	8.1	9.3	10.8	10.6
2. קאָלווירטן	3.4	29.7	61.0	69.1	75.0	73.9
3. אינדיווידואַלן	91.1	69.2	35.3	21.3	15.7	15.5
דער גאַנצער פאַרזיי פון די קערנער־קולטורן אין פ. ס. ס. ר. . .	96.0	101.8	104.4	99.7	101.5	100.0

וועגן וואָס ריידן די דאָזיקע טאַבעלעס?

זיי ריידן וועגן דעם, אַז דער רעאָרגאַניזאַציע־פּעריאָד פון דער לאַנדווירטשאַפט, ווען די צאָל קאָלווירטן און די צאָל מיטגלידער זייערע איז געוואָקסן מיט ראַשיקע טעמפּן, איז שוין פאַרענדיקט, פאַרענדיקט נאָך אין 1932.

הייסט עס, אַז דער ווייטערדיקער פּראָצעס פון קאָלעקטיוויזאַציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּראָצעס פון כסדר׳דיקן אריינציען און איבערדערציען די רעשטן אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאַפטן אין די קאָלווירטן.

דאָס באַטייט, אַז די קאָלווירטן האָבן געזיגט ענדגילטיק און אָן צוריקער (שטורמישע לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

זיי ריידן, ווייטער, וועגן דעם, אַז די ראַטווירטן און די קאָלווירטן באַזיצן 84.5 פּראָצענט פון אַלע קערנער־שטח׳ן אין פ. ס. ס. ר.

דאָס הייסט, אַז די קאָלווירטן און די ראַטווירטן צוזאַמען זיינען געוואָרן אַזאַ קראַפט, וואָס לייזט דעם גורל פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט און פון אַלע אירע צווייגן.

זיי ריידן, ווייטער, וועגן דעם, אַז די 65 פּראָצענט פויערשע ווירטשאַפטן, וואָס זיינען פאַראייניקט אין די קאָלווירטן, באַזיצן 73,9 פּראָצ. פון אַלע קערנער פאַרזיי־שטח׳ן, בעת די גאַנצע מאַסע איבערגעבליבענע אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאַפטן, וואָס באַטרעפן 35 פּראָצענט פון דער גאַנצער פויערשער באַפעלקערונג, באַזיצט בלויז 15,5 פּראָצענט פון אַלע קערנער פאַרזיי־שטח׳ן.

אויב מע זאָל דערצו נאָך צוגעבן דעם פאַקט, אַז די קאָלווירטן האָבן אָפּגעליפערט אין 1933 דער מלוכה פון אַלע מינים ליפערונגען העכער אַ ביליאָן פוד תבואה, און די אינדיווידועלע פויערים, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם פּלאַן אויף אַלע 100 פּראָצענט — האָבן אָפּגעליפערט אינגאַנצן באַ 130 מיליאָן פוד, בעת אין 1929-1930 האָבן די אינדיווידועלע פויערים אָפּגעליפערט דער מלוכה באַ 780 מיליאָן פוד און די קאָלווירטן ניט מער ווי 120 מיליאָן פוד, — דאַן וועט ווערן קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן ניט זיין, אַז די קאָלווירטן און די אינדיווידועלע פויערים, האָבן פאַרן באַריכט־פּעריאָד פולשטענדיק זיך געביטן מיט די ראָלן, דערביי זיינען די קאָלווירטן פאַר דער דאָזיקער צייט געוואָרן די הערשנדיקע קראַפט פון דער לאַנדווירטשאַפט און די אינדיווידועלע פויערים — אַ צווייטראַנגיקע קראַפט, וואָס איז געצוואונגען אונטערוואַרפן זיך און צופּאַסן זיך צו דער קאָלווירטישער אָרדענונג.

מע דאַרף אָנערקענען, אַז דאָס אַרבעטנדיקע פויערטום, אונזער

סאָוועטיש פּויערטום, האָט ענדגילטיק און אָן צוריקער זיך געשטעלט אונטער דער רויטער פאָן פון סאָציאַליזם. (לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

זאָלן פלוידערן די עסעריש־מענשעוויסטישע און בורזשואַז־טראָצקיסטישע יענטעס, אַז דאָס פּויערטום איז לויט דער נאַטור קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַז דאָס פּויערטום איז באַרופן אויפצושטעלן אין פ. ס. ס. ר. דעם קאַפּיטאַליזם, אַז דאָס פּויערטום קאָן ניט זיין קיין פאַרבינדעטער פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דעם אויפבוי פון דעם סאָציאַליזם, אַז אין פ. ס. ס. ר. איז אומעגלעך אויסצובויען דעם סאָציאַליזם. די פאַקטן ווייזן, אַז די דאָזיקע הערן טרייבן רכילות אי אַף פ.ס.ס.ר., אי אַפן סאָוועטישן פּויערטום. די פאַקטן ווייזן, אַז אונזער סאָוועטיש פּויערטום איז ענדגילטיק אַוועקגעשוואומען פון די ברעגן פון קאַפּיטאַליזם און איז אַוועק פאָראויס, אין בונד מיטן אַרבעטער־קלאַס, צום סאָציאַליזם. די פאַקטן ווייזן, אַז מיר האָבן שוין אויסגעבויט דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין פ. ס. ר., און אונז בלייבט בלויז איבער צו באַקרוינען אים מיט די אויבערבויען — אַן ענין, אָן צווייפל, אַ סך לייכטער, ווי דאָס אויסבויען דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די קראַפט פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן וועט אָבער ניט אויסגעשעפּט מיטן וואוקס פון זייער פאַרזיי־שטח און פון דער פּראָדוקציע. זי שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דעם וואוקס פון זייער טראַקטער־פּאַרק, אין דעם וואוקס פון זייער מעכאַניזירונג. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז אין דער דאָזיקער הינזיכט האָבן אונזערע קאָלווירטן און ראַטווירטן אַ שפּרייז געטאָן ווייט פאַראויס.

דער טראַקטער־פּאַרק אין דער לאַנדווירטשאַפט פון פ. ס. ס. ר.

	אין טויזנטער שטיק 1929	1930	1931	1932	1933	מעכטיקייט אין טויזנטער פערדקראַפט 1929	1930	1931	1932	1933
סך־הכל טראַקט.	34.9	72.1	125.3	148.5	204.1	391.4	1003.5	1850.0	2225.0	3100.0
דערונטער :										
א) טראַקטערס אין די מאַשין־טראַקטער־סטאַנציעס	2.4	31.1	63.3	74.8	122.3	23.9	372.5	848.0	1077.0	1782.0
ב) טראַקטערס אין די ראַטווירטן פון אַלע סיסטעמען	9.7	27.7	51.5	64.0	81.8	123.4	483.1	892.0	1043.0	1318.0

הייסט עס 204 טויזנט טראַקטערס און 3 מיליאָן 100 טויזנט פערד־קראַפט פאַר די קאָלווירטן און ראַטווירטן. אַ קראַפט, ווי איר זעט, ניט קיין קליינע, וואָס איז פּייאיק אויסקאָרטשעווען אַלע און אַלערליי וואָרצלען פון קאַפּיטאַליזם אין דאָרף. אַ קראַפט, וואָס שטייגט איבער אין 2 מאָל די צאָל טראַקטערס, וואָס וועגן איר האָט גערעדט אין זיין צייט לענין, ווי וועגן אַ ווייטער פּערספּעקטיוו.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פּאַרק לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס אין די מאַשין־טראַקטערישע סטאַנציעס און אין די ראַטווירטן פון פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר ראַטווירטן, זיינען די אָנגאַבן וועגן דעם פאַראַן אין די פאָלגנדיקע טאַבעלעס.

אין די מאַשין טראַקטאָר סטאַנציעס

	1930	1931	1932	1933
קאָמביינען (אין טויז. שטיק)	7	0.1	2.2	11.5
מאָטאָרן און לאָקאָמאָבילן (טויזנטער שטיק)	0.1	4.9	6.2	17.6
קאָמפּליצירטע און האַלב־קאָמפּליצירטע דרעש־מאַשינעס (טויזנטער שטיק) . .	2.9	27.8	37.0	50.0
עלעקטראָ־אינסטאַליאַציעס פאַר דרעשינג .	168	268	551	1283
צאָל רעמאָנט־וואַרשטאַטן אין מ. ט. ס.	104	770	1220	1933
פראַכט אָטאָמאָבילן (טויזנטער שטיק) . .	0.2	1.0	6.0	13.5
פּאַסאַזשיר־אָטאָמאָבילן (שטיק)	17	191	245	2800

אין די ראַטווירטן פון פאָלק קאָמ. פאַר ראַטווירטן

	1930	1931	1932	1933
קאָמביינען (טויז. שטיק)	1.7	6.3	11.9	13.5
מאָטאָרן און לאָקאָמאָבילן (טויזנט. שטיק)	0.3	0.7	1.2	2.5
קאָמפּליצירטע און האַלב־קאָמפּליצירטע דרעש־מאַשינעס (טויזנטער שטיק) . .	1.4	4.2	7.1	8.0
עלעקטראָ־אינסטאַלאַציעס	42	112	164	222
רעמאָנט־וואַרשטאַטן:				
א) פאַר קאַפּיטאַלן רעמאָנט	72	133	208	302
ב) מיטעלן רעמאָנט	75	160	215	476
ג) לויפנדיקן רעמאָנט	205	310	578	1166
פראַכט־אָטאָמאָבילן (טויזנטער שטיק) . .	2.1	3.7	6.2	10.9
פּאַסאַזשיר־אָטאָמאָבילן (שטיק)	118	385	625	1890

איך מיין, אַז די דאָזיקע אָנגאַבן נייטיקן זיך ניט אין דערקלערונגען.

ניט קיין קליינע באַדייטונג האָט געהאַט פאַרן אויפשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט אויך דאָס שאַפן די פּאָליטאָפּטיילן פון די מ. ט. ס. און ראַטווירטן און דאָס באַזאָרגן די לאַנדווירטשאַפט מיט קוואַליפיצירטע טוער. איצט אָנערקענען אַלע, אַז די טוער פון די פּאָליטאָפּטיילן האָבן אָפּגעשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע אין דעם פּרט פון פאַרבעסערן די אַרבעט פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן. עס איז באַוואוסט, אַז פאַרן באַריכט־פּעריאָד האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי געשיקט אין דאָרף אַף פאַרפעסטיקן די קאַדרען פון דער לאַנדווירטשאַפט העכער 23 טויזנט קאָמוניסטן, פון זיי ערד־טוער העכער 3000, ראַטווירטישע טוער העכער 2000, טוער פון די פּאָליטאָפּטיילן פון די מ. ט. ס. העכער 13 טויזנט און טוער פון די פּאָליטאָפּטיילן באַ די ראַטווירטן העכער 5000.

דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן באַזאָרגונג פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן מיט נייע אינזשעניר־טעכנישע און אַגראָנאָמישע קרעפטן. עס איז באַוואוסט, אַז פאַרן באַריכט־פּעריאָד האָט מען אין דער לאַנדווירטשאַפט געשיקט העכער 111 טויזנט טוער פון דער דאָזיקער גרופּע.

טראַקטאָריסטן, קאָמבייניאָרן, שטורוואַלער, שאָפערס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַרן באַריכט־פּעריאָד און געשיקט געוואָרן בלויז פאַר דער סיסטעם פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט, העכער 1 מיליאָן 900 טויזנט מאַן.

צוגעגרייט און איבערגעגרייט פאַרן זעלבן פּעריאָד פּאָרזיצערס און מיטגלידער פון די קאָלווירט־פאַרוואַלטונגען, פעלדצוכט־בריגאַדירן, פיצוכט־בריגאַדירן, רעכנונג־פירער — העכער 1 מיליאָן 600 טויזנט.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ווייניק פאַר אונזער לאַנדווירטשאַפט, אָבער דאָך איז עס עפּעס.

ווי איר זעט, האָט די מלוכה געטאָן אַל דאָס מעגלעכע, כדי צו

פאַרלייכטערן די אַרבעט פון די אָרגאַנען פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט און פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ראַטווירטן אַף אָנפּירן מיט דער קאָלווירטישער און ראַטווירטישער בויאונג.

צי קען מען זאָגן, אַז די דאָזיקע מעגלעכקייטן זיינען אַף אַ געהע־ריקן אופן אויסגענוצט געוואָרן?

צום באַ דויערן, קאָן מען דאָס ניט זאָגן.

אָנהייבן דערפון, אַז די דאָזיקע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן זיינען אָנ־געשטעקט אין אַ גרעסערער מאָס איידער אַנדערע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן מיט דער קראַנקייט פון ביוראָקראַטיש־קאַנצעליאַרישער באַציאונג צו דער אַרבעט. מע לייזט פראַגן, אָבער מע טראַכט ניט וועגן דעם, ווי אַזוי דורכצוקאָנטראָלירן די דורכפירונג, רופן צו אָרדענונג די, וואָס ברעכן די אָנווייזונגען און פאַראָרדערונגען פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען, ארויסרוקן פאָראויס די ערלעכע און געוויסנהאַפטע אויספירער.

דער קאָלאָסאַלער פּאַרק טראַקטערס און מאַשינעס וואָלט, דוכט זיך, פאַרפליכטעט די ערדאָרגאַנען צו האַלטן די דאָזיקע ווערטפולע מאַשי־נעס אין אָרדענונג, באַצייטנס זיי צו רעמאָנטירן, אויסנוצן זיי באַ דער אַרבעט מער אָדער ווייניקער ווי עס באַדאַרף צו זיין. וואָס טוען זיי אַף דעם דאָזיקן געביט? צום באַדויערן, זייער ווייניק, מע האַלט די טראַקטערס און מאַשינעס ניט צופרידנשטעליק. דער רעמאָנט איז אויך ניט קיין צופרידנשטעליקער, ווייל ביז איצט וויל מען נאָך ניט פאַרשטיין, אַז דעם יסוד פון דעם רעמאָנט בילדעט דער לויפנדיקער און מיטעלער רעמאָנט, ניט דער קאַפּיטאַלער. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אויס־נוצן די טראַקטערס און מאַשינעס, איז דער ניטצופרידנשטעליקער צו־שטאַנד פון דער דאָזיקער זאַך אַזוי קלאָר און אַלגעמיין באַוואוסט, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין קיין באַווייזן.

איינע פון די אָרדענטלעכע אויפגאַבן פון דער לאַנדווירטשאַפט איז איינצופירן דעם ריכטיקן זיי־פאַרקער, פאַרברייטערן דעם ריינעם שוואַרצבראָך, פאַרבעסערן דעם זריע־וועזן אין אַלע צווייגן פון דער ערד־אַרבעט. וואָס ווערט געטאָן אַף דעם דאָזיקן געביט? צום באַדויערן, דערווייל נאָך זייער ווייניק. דער זריע־וועזן פון קערנער און בוימוואָל איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז עס וועט נאָך אויסקומען לאַנג פאַנאַנדער־צופּלאָנטערן אים.

איינס פון די ווירקלעכע מיטלען אַף אויפהייבן די גערעטנקייט פון די טעכנישע קולטורן און באַזאָרגן זיי מיט באַמיסטיקונג. וואָס ווערט געטאָן אַף דעם דאָזיקן געביט? דערווייל — זייער ווייניק. באַמיסטי־קונגען זיינען פאַראַן, אָבער די אָרגאַנען פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט קאָנען זיי ניט אויפנעמען, און האָבנדיק אויפגענומען, ווייזן זיי ניט ארויס קיין זאָרג וועגן דעם, אַז מע זאָל זיי באַצייטנס צושטעלן אַפן אָרט און ראַציאָנעל זיי אויסנוצן.

וועגן די ראַטווירטן דאַרף מען זאָגן, אַז זיי זיינען נאָך אַלץ ניט אַף דער הויך פון זייערע אויפגאַבן. איך בין ווייט פון ניט דערשאַצן די גרויסע רעוואָלוציאָניזירנדיקע באַדייטונג פון אונזערע ראַטווירטן. אָבער אויב מע זאָל פאַרגלייכן די קאָלאָסאַלע אינוועסטירונגען פון דער מלוכה אין די ראַטווירטן מיט די איצטיקע פּראַקטישע רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון די ראַטווירטן, באַקומט זיך אַ קאָלאָסאַלע דיספּראָפּאָרץ ניט צוגונסטן די ראַטווירטן. די הויפּט־סיבה פון דער דאָזיקער דיספּראָפּאָרץ איז דאָס, וואָס אונזערע קערנער־ראַטווירטן זיינען צו האַמעטנע, די דירעקטאָרס ספּראַווען זיך ניט מיט די קאָלאָסאַלע ראַטווירטן. די ראַט־ווירטן גופא זיינען צופיל ספּעציאַליזירט, זיי האָבן ניט קיין זיי־פאַרקער

און קיין שוואַרצברויט. זיי האָבן ניט אין זייער באַשטאַנד קיין פּיצוכט־עלעמענטן. עס איז אפּנים נייטיק צו דעקאָנצענטרירן די ראַטווירטן און ליקווידירן זייער צו גרויסע ספּעציאַליזירטקייט. מע קאָן מיינען, אַז דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ראַטווירטן האָט רעכטצייטיק געשטעלט די דאָזיקע פראַגע און זיך דערשלאָגן איר לייזונג. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. די פראַגע איז געשטעלט און געלייזט געוואָרן מיט דער איניציאַטיוו פון מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שום שייכות צום פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון די ראַטווירטן.

צולעצט, די פראַגע וועגן פּיצוכט. איך האָב שוין רעפערירט וועגן דער שווערער לאַגע פון דער פּיצוכט. מע קאָן מיינען, אַז אונזערע ערד־אָרגאַנען ווייזן אַרויס אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט אַף ליקווידירן דעם פּיצוכט־קריזיס, אַז זיי מאַכן אַן אַלאַרם, זיי מאָביליזירן טוער, זיי נעמען זיך צו שטורמען די פּיצוכט־פּראָבלעם. צום באַדויערן, איז גאָר אַזוינס ניט פאָרגעקומען און קומט ניט פאָר. ניט בלויז מאַכן זיי ניט קיין אַלאַרם וועגן דער שווערער לאַגע פון דעם פּיצוכט, נאָר, פאַרקערט, זיי סטאַרען זיך פאַרשמירן די פראַגע און צומאָל פּרואוון זיי אין זייערע באַריכטן אפילו באַהאַלטן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון לאַנד דיווירקלעכע לאַגע פון דער פּיצוכט, וואָס איז אַבסאָלוט ניט דערלאָזבאַר פאַר באָלשעוויקעס. האָפן נאָכדעם, אַז די ערד־אָרגאַנען וועלן באַווייזן אַרויסצופירן אַפן וועג און אויפהייבן אַף דער געהעריקער הויך די פּיצוכט, — הייסט בויען אַף זאַמד. די פּיצוכט דאַרפן נעמען צו זיך אין די הענט די גאַנצע פּאַרטיי, אַלע אונזערע טוער, די פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע, האָבנדיק אין זינען, אַז די פּיצוכט־פּראָבלעם איז איצט פּונקט אַזאַ ערשט־רייאיקע פּראָבלעם, ווי עס איז נעכטן געווען די קערנער־פּראָבלעם, וואָס איז שוין מיט דערפאָלג געלייזט געוואָרן. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אַז די סאָוועטישע מענטשן, וואָס האָבן בייגעקומען ניט איין ערנסטע שטערונג אַפן וועג צום ציל, וועלן קאָנען בייקומען אויך די דאָזיקע שטערונג. (אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן).

אָט אַזאַ איז די קורצע, אָבער ווייט ניט פולע רשימה פון די פעלערן, וואָס מע דאַרף ליקווידירן און די רשימה אויפגאַבן, וואָס מע דאַרף לייזן אין דער נאָענטסטער צייט.

אָבער דער ענין ווערט ניט אויסגעשעפּט מיט די דאָזיקע אויפגאַבן. עס זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע אויפגאַבן אין דער ליניע פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס וועגן זיי וואָלט מען געדאַרפט זאָגן עטלעכע ווערטער.

מען דאַרף קודם־כל האָבן אין זינען, אַז די אַלטע טיילונג פון אונזערע געגנטן אין אינדוסטריעלע און אַגראַרע האָט זיך שוין אויסגעלעבט. באַ אונז זיינען שוין מער ניטאָ קיין געגנטן אויסשליסלעך אַגראַרע, וואָס זאָלן באַזאָרגן מיט ברויט, פלייש, גרינס, די אינדוסטריעלע געגנטן, פּונקט ווי באַ אונז זיינען שוין מער ניטאָ קיין אויסשליסלעך אינדוסטריעלע געגנטן, וואָס זאָלן קאָנען אויסרעכענען אַף דעם, אַז זיי זאָלן באַקומען אַלע נייטיקע פּראָדוקטן פון אויסן, פון אַנדערע געגנטן. די אַנטוויקלונג ברענגט דערצו, אַז אַלע געגנטן ווערן באַ אונז מער אָדער ווייניקער אינדוסטריעלע, און וואָס ווייטער וועלן זיי אַלץ מער ווערן אינדוסטריעלע. דאָס באַטייט, אַז אוקראַאינע, צפון־קאַווקאַז, צענטראַלע שוואַרץ־ערד געגנט און אַנדערע געוועזענע אַגראַרע ראַיאָנען קאָנען שוין מער ניט אָפּגעבן אַף דער זייט פאַר די אינדוסטריעלע צענטערס אַזויפיל פּראָדוקטן, וויפיל זיי פלעגן אָפּגעבן פריער, ווייל זיי זיינען גע־

צוואונגען צו געבן עסן זייערע אייגענע שטעט און זייערע אייגענע אר־בעטער, וואָס זייער צאָל וועט וואַקסן. אָבער דערפון איז געדרונגען, אַז יעדער געגנט דאַרף איינפירן בײַ זיך אַן אייגענע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע, כּדי צו האָבן איר גרינס, איר קאַרטאָפל, איר פּוטער, איר מילך און אין דער אָדער יענער מאָס — איר ברויט, איר פלייש, אויב זי וויל ניט אַריינפאַלן אין אַ שווערער לאַגע. איר ווייסט, אַז די דאָזיקע זאַך איז גאַנץ מעגלעך צו פאַרווירקלעכן און זי ווערט שוין איצט געטאָן.

די אויפגאַבע איז צו דערפירן די דאָזיקע זאַך ביזן סוף אום יעדן פּרייז.

מע דאַרף ווייטער ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, אַז די באַוואוסטע טיילונג פון אונזערע געגנטן אין געברויכערישע און פּראָדוצירערישע הייבט אויך אָן צו פאַרלירן איר אויסשליסלעכן כאַראַקטער. אַזוינע „געברויכערישע" געגנטן, ווי די מאָסקווער און גאָרקער, האָבן האַיאָר געגעבן דער מלוכה 80 מיליאָן פּוד ברויט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין קליניקייט. אין דעם אַזוי גערופענעם געברויכערישן פּאַס זיינען פאַראַן בײַ 5 מיליאָן העקטאַר רוי־ערד, וואָס זיינען באַדעקט מיט קוסטעס. עס איז באַוואוסט, אַז דער קלימאַט איז אין דאָזיקן פּאַס ניט קיין שלעכטער, אַטמאָספערישע אָפּזאַצן זיינען פאַראַן ניט ווייניק, קיין טריקענישן זיינען ניטאָ. אויב מע זאָל אָפּרייניקן די דאָזיקע ערדן פון די קוסטעס און מע זאָל דורכפירן אַ ריי מיטלען פון אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער, וועט מען קאָנען באַקומען אַ קאָלאָסאַלן ראַיאָן קערנער־קולטורן, וואָס קאָן געבן סחורה־קערנער בײַ דער געוויינלעכער גרויסער גערעטנקייט אין די דאָזיקע ערטער — ניט ווייניקער ווי עס גיט איצט נידערוואָלגע און מיטלוואָלגע. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע הילף פאַר די צפון'דיקע אינדוסטריעלע צענטערס.

עס איז קלאָר, אַז די אויפגאַבע באַשטייט אין שאַפן אין די ראַיאָנען פון דעם געברויכערישן פּאַס אַ גרויסן מאַסיוו קערנער־קולטורן.

צולעצט די פראַגע וועגן קאַמף קעגן דער טריקעניש אין טראַנסוואָלגע. דאָס איינפלאַנצן וועלדער און וואַלד־שוצפּאַסן אין די מזרח־ראַיאָנען פון טראַנסוואָלגע האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. די דאָזיגע אַרבעט, ווי באַוואוסט, ווערט שוין דורכגעפירט, הגם מען קאָן ניט זאָגן, אַז זי ווערט דורכגעפירט מיט אַ גענוגיקער אינטענסיווקייט. וואָס אָנבאַלאַנגט דער באַוואַסערונג פון טראַנסוואָלגע, און דאָס איז דער עיקר פון דעם שטאַנדפּונקט פון קאַמף קעגן דער טריקעניש, — טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז דער דאָזיקער ענין זאָל אָוועקגעלייגט ווערן אין דער לאַנגער באַנק. אמת, ער איז אַביסל פאַרטאַרמאַזירט געוואָרן צוליב אייניקע אויסערלעכע אומשטענדן, וואָס האָבן אָפּגעצויגן אַ מאַסע קרעפטן און מיטלען. אָבער איצט איז שוין מער ניטאָ קיין גרונט אָפּצולייגן אים ווייטער. מיר קאָנען זיך מער ניט באַגיין אָן אַן ערנסטער און אַבסאָלוט סטאַבילער, פרייער פון די וועטער־צופעליקייטן — באַזע פון ברויט־פּראָדוקציע אויף דער וואָלגע, וואָס גיט יערלעך בײַ 1,200,000 מיליאָן פּוד סחורה־קערנער. דאָס איז דורכאויס נייטיק אויב מע זאָל נעמען אין אכט דעם וואוקס פון די שטעט אויף דער וואָלגע, פון איין זייט, אַלערליי מעגלעכקייטן פאַר קאָמפּליקאַציעס אפן געביט פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, פון דער צווייטער.

די אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז מע זאָל זיך נעמען פאַר דער ערנסטער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די באַוואַסערונג פון טראַנסוואָלגע. (אַפּלאָדיסמענטן).

3. דער אויפשטייג פון דער מאַטעריעלער לאַגע און פון דער קולטור פון די אַרבעטענדיקע

מיר האָבן אַזוי אַרום געשילדערט די לאַגע פון אונזער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, זייער אַנטוויקלונג פאַרן באַריכט־פּעריאָד, זייער צושטאַנד אין דעם געגעבענעם מאָמענט.

אין דער אונטערשטער שורה האָבן מיר:

א) אַ מעכטיקן אויפשטייג פון דער פּראָדוקציע סיי אויפן געביט פון דער אינדוסטריע, סיי אויפן געביט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע גרונט־צווייגן.

ב) אַן ענדגילטיקן נצחון אויף דער באַזע פון דעם דאָזיקן אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעם איבער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם סיי אין דער אינדוסטריע, סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט, דאָס פאַרוואַנדלען די סאָציאַליסטישע סיסטעם אין דער איינציקער סיסטעם פון דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט, דאָס אַרויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אַלע ספערן פון דער פאָלקווירטשאַפט.

ג) דאָס, וואָס די קאָלאָסאַלע מערהייט אינדיווידועלע פּויערים איז ענדגילטיק אַוועק פון דער קליין־סחורה׳דיקער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, האָבן זיך פאַראייניקט אין קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אויף דער באַזע פון קאָלעקטיווער אַרבעט און פון קאָלעקטיוון אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון איבער דער קליין־סחורה׳דיקער אינדיווידועלער ווירטשאַפט.

ד) דעם שטייגנדיקן פּראָצעס פון דער ווייטערדיקער פאַרברייטערונג פון די קאָלווירטן אויפן חשבון פון די אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפטן, וואָס זייער צאָל פאַלט אַזוי אַרום פון חדש צו חדש און וואָס ווערן אין תוך פאַרוואַנדלט אין אַ הילף־קראַפט פאַר די קאָלווירטן און ראַטווירטן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער היסטאָרישער נצחון איבער די עקספּלואַטאַטאָרס האָט געמוזט ברענגען צו גרינטלעכע פאַרבעסערונגען אין דער מאַטעריעלער לאַגע און אין דעם גאַנצן שטייגער פון די אַרבעטנדיקע.

די ליקווידירונג פון די פּאַראַזיטישע קלאַסן האָט געבראַכט דערצו, אַז עס איז פאַרשוואונדן די עקספּלואַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן. די אַרבעט פון אַרבעטער און פּויער איז באַפרייט פון עקספּלואַטאַציע. די הכנסות, וואָס די עקספּלואַטאַטאָרס פלעגן אַרויספּרעסן פון דער פאָלקס אַרבעט, פאַרבלייבן איצט בײַ די אַרבעטנדיקע אין די הענט און ווערן אויסגענוצט טיילווייז אויף פאַרברייטערן די פּראָדוקציע און צוציען אין דער פּראָדוקציע נייע אַרבעטנדיקע — טיילווייז אויף העכערן דירעקט די הכנסות פון די אַרבעטער און פּויערים.

עס איז פאַרשוואונדן די אַרבעטלאָזיקייט — דער בייטש פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אויב אין די בורזשואַזע לענדער ליידן מיליאָנען אַרבעטלאָזע נויט און יסורים צוליב דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין אַרבעט זיינען בײַ אונז מער ניטאָ קיין אַרבעטער, וואָס זאָלן ניט האָבן קיין אַרבעט און קיין פאַרדינסט.

מיט דער פאַרשווינדונג פון דער באַלעגופישער פאַרשקלאַפונג איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער דלות אין דאָרף. יעדער פּויער, קאָלווירטניק אָדער אינדיווידואַל, האָט איצט אַ מעגלעכקייט צו לעבן מענטשלעך,

אויב ער וויל נאָר אַרבעטן ערלעך, און ניט פּוסטעפּאַסעווען, אַרומדרייען זיך, צעשלעפּן דאָס קאָלווירטישע גוטס.

די פּאַרניכטונג פון דער עקספּלואַטאַציע, די פאַרניכטונג פון דער אַרבעטלאָזיקייט אין שטאָט, די פאַרניכטונג פון דעם דלות אין דאָרף, דאָס זיינען אַזוינע היסטאָרישע דערגרייכונגען אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע, וואָס וועגן דעם קאָנען אַפילע ניט טרוימען די אַרבעטער און פּויערים פון די סאַמע „דעמאָקראַטישע" בורזשואַזע לענדער.

עס האָט זיך געענדערט דאָס פּנים פון אונזערע גרויסע שטעט און פון די אינדוסטריעלע צענטערס. דער אומפאַרמיידלעכער סימן פון די גרויסע שטעט אין די בורזשואַזע לענדער זיינען די לעכער, די אַזוי־גערופענע אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין די פאַרשטעט, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ הויפן פינצטערע, נאַסע, מערסטנטייל האַלב איינגעפאַלענע קעלער־וואוינונגען, וואו עס טוליעט זיך דער אומפאַרמעגלעכער עולם, וואַלגערנדיק זיך אין שמוץ און פאַרשילטנדיק זיין שיקזאַל. די רעוואָלוציע אין פ. ס. ס. ר. האָט געבראַכט דערצו, אַז די דאָזיקע לעכער זיינען באַ אונז פאַרשוואונדען, זיי זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט די נייע אויסגעבויטע גוטע און ליכטיקע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, דערביי זעען אויס אין אַסך פאַלן די אַרבעטער־קוואַרטאַלן באַ אונז בעסער, איידער די צענטערס פון שטאָט.

נאָך מער האָט זיך געענדערט דאָס פּנים פון דאָרף. דאָס אַלטע דאָרף מיט זיין קלויסטער אויפן אָנגעזעענסטן אָרט, מיט זיינע בעסטע הייזער פון דעם אוריאַדניק, גלח, באַלעגוף אין פאָדערגרונט, זיינע האַלב־איינגעפאַלענע כאַלופּקעס פון די פּויערים אין הינטערגרונט — הייבט אָן צו פאַרשווינדען. אויף זיין אָרט טרעט אַרויס דאָס נייע דאָרף מיט זיינע געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכע געביידעס, זיינע קלובן, ראַדיאָ, קינאָ, שולן, ביבליאָטעקן און יאַסלעס, מיט זיינע טראַקטערס, קאָמביינען, דרעשמאַשינעס, אָטאָמאָבילן. עס זיינען פאַרשוואונדן די אַלטע מיוחס'דיקע פיגורן פון דעם באַלעגוף־עקספּלואַטאַטאָר, פון דעם פּראָצענטניק־בלוטזייגער, פון דעם סוחר־ספּעקוליאַנט, פון דעם באַטיושקאַ־אוריאַדניק. איצט זיינען די מיוחס'דיקע לייט די טוער פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן, פון די שולן און קלובן, די עלטסטע טראַקטעריסטן און קאָמביינערן, די פעלד־צוכט־און פיצוכט־בריגאַדירן, די בעסטע שלאָגלער און שלאָגלערנס פון די קאָלווירטישע פעלדער.

עס ווערט פאַרשוואונדן דער קעגנזאַץ צווישן שטאָט און דאָרף. די שטאָט הערט אויף צו זיין באַ די פּויערים אין די אויגן דער צענטער פון זייער עקספּלואַטאַציע. עס ווערן אַלץ פעסטער די פעדים פון דעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן צוזאַמענשלוס צווישן שטאָט און דאָרף. פון שטאָט און פון איר אינדוסטריע באַקומט איצט דאָס דאָרף הילף, — טראַקטערס, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, אָטאָמאָבילן, מענטשן, מיטלען. דערצו האָט דאָס דאָרף איצט אַליין זיין אינדוסטריע אין דער פאָרם פון מאַשין־טראַקטערישע סטאַנציעס, רעמאָנט־וואַרשטאַטן, פון אַלערליי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון די קאָלווירטן, קלענערע עלעקטראָ־סטאַנציעס און ד. גל. דער קולטורעלער אָפּגרונט צווישן שטאָט און דאָרף ווערט פאַרשאָטן.

אָט דאָס זיינען די גרונט־דערגרייכונגען פון די אַרבעטנדיקע אויפן געביט פון פאַרבעסערען זייער מאַטעריעלע לאַגע, שטייגער, קולטור.

אויף דער באַזע פון די דאָזיקע דערגרייכונגען האָבן מיר פאַרן באַריכט־פּעריאָד:

א) א וואוקס פון דער פאָלק־הכנסה פון 35 ביליאָן אין 1930 ביז 50 ביליאָן אין 1933. און אזוי ווי דער חלק פון די קאפּיטאַליסטישע עלעמענטן, דערונטער אויך פון די קאָנצעסיאָנערן, באַטרעפט אין דער פאָלק־הכנסה באַ היינטיקן טאָג וויניקער ווי א האַלבן פּראָצענט, ווערט כמעט די גאַנצע פאָלק־הכנסה פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אַרבעטנדיקע פּויערים, קאָאָפּעראַציע און מלוכה.

ב) א וואוקס פון דער באַפעלקערונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד פון 160.5 מיליאָן מענטשן אין סוף 1930 ביז 168 מיליאָן אין סוף פון 1933.

ג) א וואוקס פון דער צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון 14 מיליאָן 530 טויזנט אין 1930 ביז 21 מיליאָן 883 טויזנט אין 1933. דערביי האָט זיך דער צאָל פּערזאָנען פון פיזישער אַרבעט אופגעהויבן פאַרן דאָזיקן פּעריאָד פון 9 מיליאָן 489 טויזנט ביז 13 מיליאָן 797 טויזנט, די צאָל אַרבעטער פון דער גרויסער אינדוסטריע, דערונטער אַרבעטער פון טראַנספּאָרט, האָט זיך אויפגעהויבן פון 5 מיליאָן 79 טויזנט ביז 6 מיליאָן 882 טויזנט מאַן. די צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער — פון 1 מיליאָן 426 טויזנט ביז 2 מיליאָן 590 טויזנט מאַן, און די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון האַנדל פון 814,000 ביז 1 מיליאָן 497 טויזנט מאַן.

ד) א וואוקס פון דעם אַרבעטלוין־פאָנד פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון 13 ביליאָן 597 מיליאָן רובל אין 1930 ביז 34 ביליאָן 280 מיליאָן רובל אין 1933.

ה) א וואוקס פון דעם דורכשניטלעכן יערלעכן אַרבעטלוין פון די אינדוסטריע־אַרבעטער פון 991 רובל אין 1930 ביז 1,519 רובל אין 1933.

ו) א וואוקס פון דעם פאָנד פון דער סאָציאַלער סטראַכירונג פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון 1 ביליאָן 810 מיליאָן רובל אין 1930 ביז 4 ביליאָן רובל אין 1933.

ז) דאָס אַריבערפירן די גאַנצע אינדוסטריע אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד אויף א 7־שעה׳דיקן אַרבעט־טאָג.

ט) הילף פון דער מלוכה די פּויערים אין דער פאָרם פון אָרגאַניזירן פאַר זיי 2,860 מאַשין־טראַקטערישע סטאַנציעס, אַן אינוועסטירונג פון 2 ביליאָן רובל אין דעם דאָזיקן וועזן.

י) הילף פון דער מלוכה די פּויערים אין דער פאָרם פון קרעדיט פאַר די קאָלווירטן אויף 1 ביליאָן 600 מיליאָן רובל.

כ) הילף פון דער מלוכה די פּויערים אין דער פאָרם פון זריעה־ און דערנערונג־הלוואות אין דעם פאַרלויף פון דעם באַריכט־פּעריאָד אויף 262 מיליאָן פּוד קערנער.

ל) הילף פון דער מלוכה די וויניק־פאַרמעגלעכע פּויערים אין דער פאָרם פון שטייערן און סטראַכירונג־להאַטעס אויף 370 מיליאָן רובל.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד האָבן מיר פאַרן באַריכט־פּעריאָד:

א) דאָס איינפירן אין גאַנצן פ. ס. ס. ר. אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע אָנפאַנג־בילדונג און א העכערונג פון דעם פּראָצענט שריפט־קענעוודיקייט פון 67 אין סוף 1930 ביז 90 פּראָצענט אין סוף 1933.

ב) א וואוקס פון דער צאָל שילער אין די שולן פון אַלע שטופּעס פון 14 מיליאָן 358 טויזנט אין 1929 ביז 26 מיליאָן 419 טויזנט מאַן אין 1933, דערונטער אין דער אָ נ פ אַ נ ג ־ בילדונג — פון 11 מיליאָן 697 טויזנט ביז 19 מיליאָן 163 טויזנט אין דער מ י ט ע ל ע ר

בילדונג — פון 2 מיליאָן 453 טויזנט ביז 6 מיליאָן 674 טויזנט, אין דער ה ו י כ ע ר בילדונג פון 207 טויזנט ביז 491 טויזנט מאַן.

ג) אַ וואוקס פון דער צאָל קינדער אין דער פאָרשול־בילדונג פון 838 טויזנט אין 1929 ביז 5 מיליאָן 917 טויזנט אין 1933.

ד) אַ וואוקס פון דער צאָל הויכשולן אַלגעמיינע און ספּעציעלע פון 91 אין 1914 ביז 600 אין 1933.

ה) אַ וואוקס פון דער צאָל וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטי־טוטן פון 400 אין 1929 ביז 840 אין 1933.

ו) אַ וואוקס פון דער צאָל אַנשטאַלטן פון קלוב־טיפּ פון 32 טויזנט אין 1929 ביז 54 טויזנט אין 1933.

ז) אַ וואוקס פון דער צאָל קינאָ־טעאַטערס, קינאָ אינסטאַלאַציעס אין די קלובן און באַוועגלעכע קינאָס פון 9800 איינסן אין 1929 ביז 29 טויזנט 200 איינסן אין 1933.

ט) אַ וואוקס פון דעם איינמאָליקן צייטונג־טיראַזש פון 12 מי־ליאָן 500 טויזנט אין 1929 ביז 36 מיליאָן 500 טויזנט אין 1933.

עס שאַדט אפשר ניט צו פאַרצייכענען, אַז דער פּראָצענט פון די אַרבעטער צווישן די, וואָס לערנען זיך אין די הויכשולן, באַטרעפט בײַ אונז 51.4 פּראָצענט און פון די אַרבעטנדיקע פּויערים — 16.5 פּראָ־צענט אין דער צייט, ווען אין דייטשלאַנד, למשל, האָבן די אַרבעטער צווישן די סטודענטן אין די הויכשולן באַטראָפן אין 1932־1933 לערנ־יאָר סך הכל 3.2 פּראָצענט און די קליינפּויערים סך הכל 2.4 פּראָצענט.

מע דאַרף פאַרצייכענען אַלס פרייִדיקן פאַקט, אַלס סימן פון דעם וואוקס פון דער קולטורעלקייט אין דאָרף, — דעם וואוקס פון דער אַקטיווקייט פון די פרויען־קאָלווירטניצעס אויפן געביט פון דער געזעל־שאַפטלעך־אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט. עס איז, למשל, באַוואוסט, אַז פרויען קאָלווירטניצעס זיינען בײַ היינטיקן טאָג פאָרזיצערס פון קאָל־ווירטן בײַ 6,000, מיטגלידער פון קאָלווירט־פאַרוואַלטונגען — העכער 60 טויזנט פרויען, בריגאַדירן — 28 טויזנט, רינג־אָרגאַניזאַטאָרס 100 טויזנט, פאַרוואַלטערס פון קאָלווירטישע סחורה־פאַרמס 9,000, טראַק־טאָריסטן 7 טויזנט. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע אָנגאַבן זיינען ניט קיין פולע, אָבער אויך דאָס ווייניקע, וואָס עס איז פאַראַן אין די דאָזיקע אָנגאַבן, רעדט גענוג בולט וועגן דעם גרויסן וואוקס פון דער קולטורעלקייט אין דאָרף. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט, הכּרים, אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. ער האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג דערפאַר, ווייל די פרויען בילדן אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג בײַ אונז אין לאַנד, זיי בילדן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט־אַרמיי און זיי זיינען באַרופן צו דערציען אונזערע קינדער, אונזער צוקונפטיקן דור, דאָס הייסט אונזער צוקונפט. אָט פאַרוואָס מיר קאָנען ניט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע קאָלאָ־סאַלע אַרמיי אַרבעטנדיקע זאָל פאַרשוואַרצט ווערן אין פינצטערניש און אין אומוויסנקייט! אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן באַגריסן די שטייגנדיקע געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט פון די אַרבעטנדיקע פרויען און דאָס אַרויסרוקן זיי אויף אָנפירנדיקע פאָסטנס אַלס בפירוש'ן סימן פון וואוקס פון אונזער קולטורעלקייט. (דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

צולעצט, דאַרף מען פאַרצייכענען נאָך איין פאַקט, אָבער שוין פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער. איך מיין יענע ניטדערלאָזבאַרע דערשיינונג, וואָס די פּעדאַגאָגישע און מעדיצינישע פאַקולטעטן זיינען נאָך אַלץ בײַ אונז פאַרשטויסן. דאָס איז אַ גרויסער פעלער, וואָס גרענעצט מיט אָנטרעטן די אינטערעסן פון דער מלוכה. צום דאָזיקן פעלער מוז מען אומבאַדינגט מאַכן אַ סוף, וואָס גיכער דאָס וועט געטאָן ווערן איז אַלץ בעסער.

4. דער אויפשטייג פון סחורה-אומזאַץ און דער טראַנספּאָרט

מיר האָבן אַזוי אַרום:

א) אַ וואוקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, דערונטער פון דער פּראָדוקציע פאַרן מאַסן-געברויך;

ב) אַ וואוקס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע;

ג) אַ וואוקס פון די באַדערפענישן און פון דעם נאָכפּרעג אַף די פּראָדוקטן און אויסאַרבעטונגען מצד די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף.

וואָס פאָדערט זיך נאָך, כדי צונויפשליסן די דאָזיקע באַדינגונגען און באַוואָרענען דער גאַנצער מאַסע געברויכער דאָס באַקומען די נויטיקע סחורות און פּראָדוקטן?

אייניקע חברים מיינען, אַז עס זיינען געווען גענוג די דאָזיקע באַדינגונגען, כדי דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד זאָל אָנהייבן שלאָגן ווי אַ קוואַל. דאָס איז אַ טיפער טעות. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז עס זיינען פאַראַן די דאָזיקע אַלע באַדינגונגען. אָבער אויב די סחורה דערגייט ניט ביזן געברויכער, קאָן ניט דאָס עקאָנאָמישע לעבן ניט בלויז שלאָגן ווי אַ קוואַל, נאָר פאַרקערט, עס ווערט צערודערט און דעזאָרגאַניזירט ווערן ביזן גרונט. מע דאַרף ענדלעך פאַרשטיין, אַז די סחורות ווערן פּראָדוצירט סוף-כל-סוף ניט פאַר דער פּראָדוקציע, נאָר פאַרן געברויכער. בײַ אונז זיינען געווען פאַלן, ווען סחורות און פּראָדוקטן זיינען געווען ניט ווייניקער, אָבער ניט בלויז פלעגן זיי ניט דערגיין ביזן געברויכער, נאָר זיי פלעגן יאָרנווייז ניט אויפהערן אַרומשפּאַצירן אין די ביוראָקראַטישע הינטער-געסלעך פון דער אַזויגערופענער סחורה-דורכפירנדיקער נעץ — אָן אַ זייט פון דעם געברויכער. עס פאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַזוינע באַדינגונגען האָבן די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט פאַרלאָרן יעטווידער סטימול צו פאַרברייטערן די פּראָדוקציע, די סחורה-דורכפירנדיקע נעץ פלעגט פאַרלעגערט ווערן מיט סחורות און די אַרבעטער און פויערים פלעגן בלייבן אָן סחורות און אָן פּראָדוקטן. און אַלס רעזולטאַט דערפון — אַ צערודערונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן סחורות און פּראָדוקטן. כדי דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד זאָל קאָנען אָנהייבן שלאָגן ווי אַ קוואַל, די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט זאָלן האָבן אַ סטימול צום ווייטערדיקן וואוקס פון זייער פּראָדוקציע, דאַרף מען האָבן נאָך איין באַדינג, נעמלעך, — אַ פאַנאַנדערגעוויקלטן **סחורה-אומזאַץ** צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן די ראַיאָנען און געגנטן פון לאַנד, צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פאָלק-ווירטשאַפט. עס איז נייטיק, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין באַדעקט מיט אַ רייכער נעץ האַנדל-באַזעס, מאַגאַזינען, קראָמען, עס איז נייטיק, אַז דורך די קאַנאַלן פון די דאָזיקע באַזעס, פון די מאַגאַזינען, די קראָמען זאָלן אָן אויפהער צירקולירן סחורות פון די פּראָדוציר-ערטער צום געברויכער. עס איז נייטיק, אַז אין דעם דאָזיקן ווען זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אי די מלוכה'שע האַנדל-נעץ, אי די קאָאָפּעראַטיווע האַנדל-נעץ, אי די אָרטיקע אינדוסטריע,—אי די קאָלווירטן, אי די אינדיווידועלע פויערים.

אָט דאָס רופט זיך עס אָן בײַ אונז פאַנאַנדערוויקלטער **סאָוועטישער האַנדל**, אַ האַנדל **אָן** קאַפּיטאַליסטן, אַ האַנדל **אָן** ספּעקולאַנטן.

ווי איר זעט, איז דאָס פאַנאַנדערוויקלען דעם סאָוועטישן האַנדל

יענע אויסערסט אַקטועלע אויפגאַבע, וואָס אָן איר לייזונג איז אוממעגלעך צו באַוועגן זיך ווייטער פאָראויס.

און דאָך, ניט געקוקט אַף דער פולער באַשיינפערלעכקייט פון דעם דאָזיקן אמת, האָט די פאַרטיי געהאַט בייצוקומען פאַרן באַריכט־פעריאָד אַ גאַנצע ריי שטערונגען אפן וועג פון פאַנאַנדערוויקלען דעם סאָוועטישן האַנדל, וואָס מע וואָלט געקאָנט פאַרמולירן, צוליב קורצקייט, ווי אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס בא אַ טייל קאָמוניסטן איז פאַרקרימט געוואָרן דער שכל איבער די פראַגן וועגן דער נייטיקייט און וועגן דער באַדייטונג פון דעם סאָוועטישן האַנדל.

לאָמיר אָנהייבן דערפון, וואָס אין די רייען פון אַ טייל קאָמוניסטן הערשט נאָך אַלץ אַ גאווה׳דיקע, ביטולדיקע באַציאונג צום האַנדל בכלל און צום סאָוועטישן האַנדל בפרט. די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, קאָמוניסטן באַטראַכטן דעם סאָוועטישן האַנדל אַלס צווייט־ראַנגיקע זאַך, וואָס האָט ניט קיין ווערט און די האַנדל־טוער — אַלס עובר־בטל׳ס. די דאָזיקע מענטשן פאַרשטייען אפנים ניט, אַז מיט זייער גאווה׳דיקער באַציאונג צום סאָוועטישן האַנדל דריקן זיי אויס ניט קיין באָלשעוויסטישע אָנשויאונגען, נאָר די אָנשויאונגען פון די פאַראָרעמטע פריצים, וואָס האָבן אַ גרויסע אַמביציע, נאָר זיי האָבן ניט קיין שום אַמוניציע (אַפלאָדיסמענטן). די דאָזיקע מענטשן פאַרשטייען ניט, אַז דער ראַטן־האַנדל איז אונזער אייגענער באָלשעוויסטישער ענין און די האַנדל־טוער, דערונטער אויך די האַנדל־אָנגעשטעלטע, אויב נאָר זיי אַרבעטן ערלעך, — זיינען דורכפירער פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באָלשעוויסטישער זאַך (אַפלאָדיסמענטן). עס פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרטיי האָט געמוזט עטוואָס אַ גראָמיר טאָן די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, קאָמוניסטן און זייערע פריצישע פאַראורטיילן — אַריינוואַרפן אין מיסטקאַסטן (דויערנדיקע אַפלאָדיסמענטן).

מע האָט געמוזט בייקומען ווייטער די פאָראורטיילן פון אַן אַנדער מין. עס האַנדלט זיך וועגן דער לינקיסטישער פלוידעריי, וואָס איז פאַרשפרייט צווישן אַ טייל טוער אונזערע, אַז דער סאָוועטישער האַנדל איז כלומרשט אַ דורכגעגאַנגענע סטאַדיע, אַז מיר דאַרפן איינשטעלן אַ דירעקטן פראָדוקטן־אויסטויש, אַז דאָס געלט וועט אינגיכן אָפגעשאַפט ווערן, ווייל עס איז כלומרשט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינפאַכע רעכענונג־צייכנס, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו אַנטוויקלען דעם האַנדל, אויב עס קלאַפט שוין אין טיר דער דירעקטער סחורה־אויסטויש. מע דאַרף פאַרצייכענען, אַז די דאָזיקע לינקיסטישע קליינבירגערלעכע פלוידעריי, וואָס ברענגט נוצן די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע שטרעבן אויפרייסן דעם פאַנאַנדערגעוויקלטן סאָוועטישן האַנדל, איז פאַרשפרייט ניט בלויז צווישן אַ טייל רויטע פראָפעסאָרן, נאָר אויך צווישן אייניקע האַנדל־טוער. עס איז, פאַרשטייט זיך, לעכערלעך און טשיקאַווע ווען די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען ניט פייאיק צו אָרגאַניזירן דעם איינפאַכן סאָוועטישן האַנדל־וועזן, פלוידערן וועגן זייער גרייטקייט צו אָרגאַניזירן דעם מער קאָמפליצירטן און שווערן וועזן פון דעם דירעקטן פראָדוקטן־אויסטויש. אָבער די דאָן־קיכאָטן רופן זיך טאַקע דערפאַר אָן דאָן־קיכאָטן, ווייל זיי האָבן ניט דעם עלעמענטאַרן חוש פון לעבן. די דאָזיקע מענטשן זיינען פונקט אַזוי ווייט פון מאַרקסיזם, ווי דער הימל פון דער ערד און פאַרשטייען אפנים ניט, אַז געלט וועט נאָך בא אונז פאַרבלייבן לאַנג ביזן סאַמע פאַרענדיקן די ערשטע סטאַדיע פון קאָמוניזם, — די סאָציאַליסטישע אַנטוויקלונג־סטאַדיע. זיי פאַרשטייען ניט, אַז דאָס געלט איז דער אינסטרומענט פון דער בורזשואַזער עקאָ־

נאָמיק, וואָס די ראַטנמאַכט האָט גענומען צו זיך אין די הענט און האָט צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פון סאָציאַליזם, כדי צו פאַנאַנדערוויקלען ביז גאָר דעם סאָוועטישן האַנדל און דערמיט גופא צוגרייטן באַדינגונגען פאַרן דירעקטן פּראָדוקטן־אויסטויש. זיי פאַרשטייען ניט, אַז דער פּראָדוקטן־אויסטויש קאָן קומען בלויז צו פאַרנעמען דעם אָרט און אין רעזולטאַט פון אַן אידעאַל־אָרגאַניזירטן סאָוועטישן האַנדל, וואָס בײַ אונז איז דערפון קיין זכר ניטאָ און וואָס וועט ניט אַזוי גיך זײַן בײַ אונז. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַרטיי, וואָס שטרעבט צו אָרגאַניזירן דעם פאַנאַנדערגעוויקעלטן סאָוועטישן האַנדל, האָט געפונען פאַר נייטיק אַ גראָמיר טאָן אויך די דאָזיקע „לינקע” קריפּלס און זייער קליינבירגערלעכע פּלוידעריי — אָוועקלאָזן אפן ווינט.

מע האָט ווייטער געמוזט בייקומען די אומגעזונטע געוואוינהייטן פון די האַנדל־טוער צו פאַנאַנדערטיילן מעכאַניש די סחורות, ליקווידירן די ביטלדיקע באַציאונג צו די אַסאָרטימענט־פאָדערונגען און צום געברויכערס פאָדערונגען, ליקווידירן דאָס מעכאַנישע אָוועקשיקן די סחורות, די אַנאָנימקע אין דעם האַנדל. צוליב דעם דאָזיקן ציל האָט מען געעפנט האַנדל־באַזעס געגנטלעכע און צווישן־ראַיאָנע, מע האָט געעפנט טויזנטער נייע מאַגאַזינען און בײַדלעך.

ווײַטער איז אויסגעקומען צו ליקווידירן די מאָנאָפּאָל־לאַגע פון דער קאָאָפּעראַציע אפן מאַרק. אין צוזאַמענהאַנג דער מיט האָט מען פאַרפליכטעט אַלע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן אָנצוהייבן אַ האַנדל מיט זייערע אייגענע סחורות און דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון שפּײַז־באַזאָרגונג — צו פאַנאַנדערוויקלען אַ ברייטן קאָמערציעלן האַנדל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס האָט געבראַכט פון איין זייט אין סדר פון געוועט צו דער פאַרבעסערונג פון דעם האַנדל אין דער קאָאָפּעראַציע, פון דער צווייטער זייט צו דער אַראָפּזעצונג פון די פּרייזן אפן מאַרק, צו דער פאַרגעזינטערונג פון דעם מאַרק.

מיר האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע נעץ גאָרקיכן מיט אַראָפּגעזעצטע פּרייזן פאַר דער אַרויסגעגעבענער סחורה („געזעלשאַפטלעכע דערנערונג”), אָרגאַניזירט אָפּטיילן פאַר אַרבעטער־באַזאָרגונג („אָרסן”) בײַ די זאַוואָדן, פאַבריקן, אָפּגעפעסטיקט פון דער זאַוואָדישער באַזאָרגונג די עלעמענטן, וואָס האָבן ניט קיין שיכות צום זאַוואָד, דערבײַ האָט מען בלויז אין דער סיסטעם פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר דער שווערער אינדוסטריע געמוזט אָפּפעסטיקן ניט ווייניקער ווי 500 טויזנט זייטיקע עלעמענטן.

אָרגאַניזירט אַן איינהייטלעכן צענטראַליזירטן באַנק פאַרן קורץ־טערמיניקן קרעדיט, אַ מלוכה־באַנק מיט 2,200 ראַיאָנע אָפּטיילונגען אַף די ערטער, וואָס זײַנען פּייאיק צו פינאַנסירן די האַנדל־אָפּעראַציעס.

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע מיטלען האָבן מיר פאַרן באַריכט־פּעריאָד:

א) אַ וואוקס פון דער נעץ מאַגאַזינען און האַנדל־בײַדלעך פון 184 טויזנט 662 איינסן אין 1930 ביז 277 טויזנט 974 איינסן אין 1933.

ב) אַ נייע געשאַפענע נעץ געגנטלעכע האַנדל־באַזעס אין באַשטאַנד פון 1011 איינסן, צווישנראַיאָנע האַנדל־באַזעס אין באַשטאַנד פון 864 איינסן;

ג) אַ נייע געשאַפענע נעץ אָפּטיילן פאַר אַרבעטער־באַזאָרגונג אין באַשטאַנד פון 1,600 איינסן;

ד) אַ וואוקס פון דער נעץ קאָמערציעלע מאַגאַזינען פאַרן ברויט־האַנדל, וואָס כאַפּט אַרום בײַ היינטיקן טאָג 330 שטעט.

ה) אַ וואוקס פון דער נעץ גאָרקיכן פאַר געזעלשאַפטלעכער דער־נערונג, וואָס כאַפּט אַרום באַ היינטיקן טאָג 19 מיליאָן 800 טויזנט גע־ברויכער.

ו) אַ וואוקס פון דעם סחורה־אומזאַץ לויט דער מלוכה'שער און קאָאָפּעראַטיווער ליניע, איינגעשלאָסן די גאָרקיכן פאַר געזעלשאַפטלעכע דערנערונג, פון 18 ביליאָן 900 מיליאָן רובל אין 1930 ביז 49 ביליאָן רובל אין 1933.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די דאָזיקע גאַנצע פאַ־נאַנדערוויקלונג פון דעם סאָוועטישן האַנדל איז גענוג, כדי צו באַפרי־דיקן די באַדערפעניש פון אונזער עקאָנאָמיק. פאַרקערט, איצט ווערט מער איידער ווען עס איז פריער קלאָר, אַז דער איצטיקער צושטאַנד פון דעם סחורה־אומזאַץ קאָן ניט באַפרידיקן אונזערע באַדערפענישן. דעריבער באַשטייט די אויפגאַבע אין פאַנאַנדערוויקלען ווייטער דעם סאָ־וועטישן האַנדל, אריינציען אין דעם די אָרטיקע אינדוסטריע, פאַר־שטאַרקן דעם קאָלווירטישן פויערשן האַנדל, דערשלאָגן זיך נייע אַנט־שיידנדיקע דערפאָלגן אַפן געביט פון אופהייבן דעם סאָוועטישן האַנדל.

עס איז אָבער נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז מע קאָן זיך ניט באַגרע־נעצן בלויז מיט פאַנאַנדערוויקלען דעם סאָוועטישן האַנדל. אויב די אַנט־וויקלונג פון אונזער עקאָנאָמיק שטויסט זיך אָן אָן דער אַנטוויקלונג פונ'ם סחורה־אומזאַץ און דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָוועטישן האַנדל, איז די אַנטוויקלונג פונ'ם סאָוועטישן האַנדל שטויסט זיך ווידער אָן אָן דער אַנטוויקלונג פון אונזער טראַנספּאָרט, סיי דעם באַן און וואַסער־טראַנספּאָרט, סיי דעם אַטאָמאָביל־טראַנספּאָרט. עס קאָן פּאַ־סירן, אַז סחורות זיינען פאַראַן, אַז עס איז פאַראַן אַ פולע מעג־לעכקייט צו פאַנאַנדערוויקלען דעם סחורה־אומזאַץ, אָבער דער טראַנס־פּאָרט שטייט אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דעם סחורה־אומזאַץ און באַווייזט ניט צו פירן די פראַכטן. ווי באַוואוסט, טרעפט עס באַ אונז אַף יעדער טריט און שריט. דעריבער איז דער טראַנספּאָרט דאָס שמאָל אָרט, וואָס אָן אים קאָן זיך ספּאָטיקען און אפנים עס הייבט זיך שוין אָן צו ספּאָטיקען אונזער גאַנצע עקאָנאָמיק, קודם־כל אונזער סחורה־אומזאַץ.

אמת, דער באַן־טראַנספּאָרט האָט פאַרגרעסערט זיין פראַכט־אומ־זאַץ פון 133,9 ביליאָן טאָן־קילאָמעטער אין 1930 ביז 172 ביליאָן טאָן־קילאָמעטער אין 1933. אָבער דאָס איז ווייניק פאַר אונז, פאַר אונזער עקאָנאָמיק.

דער וואַסער־טראַנספּאָרט האָט פאַרגרעסערט זיין פראַכט־אומזאַץ פון 45.6 ביליאָן טאָן קילאָמעטער אין 1930 ביז 59.9 ביליאָן טאָן קילאָמעטער אין 1933. אָבער דאָס איז ווייניק, גאָר ווייניק פאַר אונ־זער עקאָנאָמיק.

איך רייד שוין ניט וועגן דעם אויטאָמאָביל־טראַנספּאָרט, וואָס זיין פּאַרק האָט זיך פאַרגרעסערט פון 8800 אויטאָמאָבילן (פראַכט און פּאַ־סאַזשיר אויטאָמאָבילן) אין יאָר 1913 ביז 117,800 סוף 1933. דאָס איז אַזוי ווייניק פאַר אונזער פאָלק־ווירטשאַפט, אַז ס'איז אַ חרפה אפילו צו ריידן וועגן דעם.

עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין אין דעם, אַז די דאָזיקע אַלע מינים טראַנספּאָרט וואָלטן געקאָנט אַרבעטן אַסך בעסער, ווען די טראַנספּאָרט־אָרגאַנען וואָלטן ניט געקרענקט אַף דער באַוואוסטער קראַנקהייט, וואָס רופט זיך קאַנצעליאַריש־ביוראָקראַטישער מעטאָד פון דער אָנפירונג. דעריבער, איז חוץ דעם, וואָס מע דאַרף העלפן דעם טראַנספּאָרט מיט

מענטשן און מיטלן, באַשטייט די אויפגאַבע אין אויסוואָרצלען אין די טראַנספּאָרט-אָרגאַנען די ביוראָקראַטיש-קאַנצעליאַרישע באַציאונג צו דער אַרבעט, מאַכן זיי פאַר מער אָפּעראַטיוו.

חברים! מיר האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די גרונט-פראַגן פון דער אינדוסטריע זיינען ריכטיק געלייזט געוואָרן און די אינדוסטריע שטייט איצט פעסט אַף די פיס. מיר האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די גרונט-פראַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט זיינען אויך ריכטיק געלייזט געוואָרן און די לאַנדווירטשאַפט, מיר קאָנען דאָס איצט זאָגן אָפן — שטייט איצט אויך פעסט אַף די פיס. אָבער מיר קאָנען פאַרלירן די דאָזיקע דערגרייכונגען, אויב אונזער סחורה-אומזאַץ וועט אָנהייבן צו הינקען און דער טראַנספּאָרט וועט זיך אַרויסווייזן אַ געוויכט באַ אונז אַף די פיס. דעריבער איז די אויפגאַבע צו פאַנאַנדערוויקלען דעם סחורה-אומזאַץ און צו פאַרבעסערן אַנטשיידן דעם טראַנספּאָרט יענע אָרדענט-לעכע און ביז גאָר אַקטועלע אויפגאַבע, וואָס אָן איר לייזונג קאָנען מיר זיך ניט באַוועגן פאַרויס.

III

די פּאַרטיי

איך גיי אַריבער צו דער פראַגע וועגן דער פּאַרטיי.

דער איצטיקער צוזאַמענפאָר קומט פאַר אונטער דער פאָן פון דעם פולן זיג פון לעניניזם, אונטער דער פאָן פון ליקווידירן די רעשטן פון די אַנטי-לעניניסטישע גרופּירונגען.

עס איז צעקלאַפּט און צעזייט די אַנטי-לעניניסטישע גרופּע טראָצקיסטן. אירע אָרגאַניזאַטאָרס דרייען זיך איצט אַרום אין אויסלאַנד באַ די הינ-טערטירן פון די בורזשואַזע פּאַרטייען.

עס איז צעקלאַפּט און צעזייט די אַנטי-לעניניסטישע גרופּע רעכטע אָפּנויגלער. אירע אָרגאַניזאַטאָרס האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון זייערע אָנשויאונגען און איצט באַמיען זיי זיך אַף אַלערליי אופנים צו פאַרגלעטן זייערע זינד פאַר דער פּאַרטיי.

עס זיינען צעקלאַפּט און צעזייט די נאַציאָנאַל-אָפּנויגלערישע גרו-פּירונגען. זייערע אָרגאַניזאַטאָרס האָבן זיך אָדער ענדגילטיק באַהעפט מיט דער אינטערווענציאָניסטישער עמיגראַציע, אָדער זיי האָבן אָנער-קענט זייער זינד.

די מערהייט אָנהענגער פון די דאָזיקע אַנטירעוואָלוציאָנערע גרו-פּעס איז געווען געצוואונגען צו אַנערקענען די ריכטיקייט פון דער פּאַר-טיי-ליניע און האָט קאַפּיטולירט פאַר דער פּאַרטיי.

אויב אַפן 15טן צוזאַמענפאָר איז נאָך אויסגעקומען צו דערווייזן די ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי-ליניע און צו פירן אַ קאַמף קעגן די באַוואוסטע אַנטי-לעניניסטישע גרופּירונגען, און אַפן 16טן צוזאַמענפאָר — דערשלאָגן די לעצטע אָנהענגער פון די דאָזיקע גרופּירונגען, איז אַף דעם צוזאַמענפאָר ניטאָ וואָס צו דערווייזן און עס איז אַפנים ניטאָ וועמען צו שלאָגן. אַלע זעען, אַז די פּאַרטיי-ליניע האָט געזיגט. (אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן)

עס האָט געזיגט די פּאָליטיק פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. אירע רעזולטאַטן זיינען איצט קלאָר פאַר אַלעמען. וואָס קאָן מען דער-ווידערן קעגן אָט דעם פאַקט?

עס האָט געזיגט די פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באַלעבאָס-טום און פון דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. אירע רעזולטאַטן זיינען אויך קלאָר פאַר אַלעמען. וואָס קאָן מען דערווידערן קעגן אָט דעם פאַקט?

עס איז דערוויזן געווארן אף דער דערפארונג פון אונזער לאנד — אז דער זיג פון דעם סאציאליזם אין איין, באזונדערס געגומען לאנד — איז פולקום מעגלעך. וואס קאן מען דערווידערן קעגן אט דעם פאקט?

קלאר, אז די אלע דערפאלגן און, פריער פון אלץ, דער זיג פון דעם פינף־יאר, האבן ענדגילטיק דעמאראליזירט און צעקלאפט אף פיץ־פיצלעך אלע און אלערליי אנטילענינישע גרופירונגען.

מע דארף אנערקענען, אז די פארטיי איז איצט באהעפט אין איין גוס, ווי קיינמאל ניט פריער. (שטורמישע לאנג ניט אופהערנדיקע אפלאדיסמענטן).

1. די פראגן פון אידייאיש־פאליטישער אנפירונג

צי באדייט עס אבער, אז דער קאמף איז פארענדיקט און דער וויטערדיקער אנגריף פון דעם סאציאליזם פאלט אפ, אלס אן איבעריקע זאך?

ניין, דאס באדייט ניט.

צי באדייט עס, אז בא אונז אין דער פארטיי איז אלץ אין ארדענונג, אז קיינע אפנויגן וועלן אין איר מער ניט זיין און — הייסט עס — מע קאן איצט זיצן רואיק?

ניין, דאס באדייט ניט.

די שונאים פון דער פארטיי, די אפארטוניסטן פון אלע מינים, די נאציאנאל־אפנויגלער פון יעדן מין — האבן מיר צעקלאפט. אבער די רעשטן פון זייער אידעאלאגיע לעבן נאך אין די קעפ פון באזונדערע פארטיי־מיטגלידער און ניט זעלטן לאזן זיי וועגן זיך צו הערן. די פארטיי קאן מען ניט באטראכטן, ווי עפעס אן אפגעריסענע זאך פון די ארומיקע מענטשן. זי לעבט און קעמפט אינערלעך אין דער סביבה, וואס רינגלט זי ארום. קיין וואונדער ניט, וואס אין דער פארטיי דרינגען ניט זעלטן אריין ניט־געזונטע שטימונגען פון דרויסן. און א באדן פאר אזעלכע שטימונגען איז, אן ספק, פאראן אין אונזער לאנד, כאטשבי דערפאר, וואס בא אונז עקזיסטירן נאך אלץ געוויסע צווישנשיכטן פון דער באפעלקערונג, סיי אין שטאט, סיי אויך אין דארף, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר א סביבה, וואס שפייזט אזעלכע שטימונגען.

די 17טע קאנפערענץ פון אונזער פארטיי האט געזאגט, אז איינע פון די גרינטלעכע פאליטישע אופגאבן באם פארווירקלעכן דעם צווייטן פינף־יאר באשטייט „אין בייקומען די איבערבלייבעכצן פון דעם קאפיטאליזם אין דער עקאנאמיק און אין דעם באוואוסטזיין פון די מענטשן". דאס איז אן אבסאלוט ריכטיקער געדאנק, אבער קאן מען דען זאגן, אז מיר האבן שוין בייגעקומען די אלע איבערבלייבעכצן פון דעם קאפיטאליזם אין דער עקאנאמיק? ניין, מען קאן דאס ניט זאגן. נאך מער קאן מען ניט זאגן, אז מיר האבן בייגעקומען די איבערבלייבעכצן פון דעם קאפיטאליזם אין דעם באוואוסטזיין פון די מענטשן. מע קאן דאס ניט זאגן ניט בלויז דערפאר, וואס דער באוואוסטזיין פון די מענטשן שטייט אפ אין זיין אנטוויקלונג פון זייער עקאנאמישער לאגע, נאר אויך דערפאר, וואס עס עקזיסטירט נאך אלץ א קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג, וואס באמיט זיך אויפצולעבן און צו שטיצן די איבערבלייבעכצן פון דעם קאפיטאליזם אין דער עקאנאמיק און אין דעם באוואוסטזיין פון די מענטשן אין פ. ס. ס. ר., און וואס קעגן איר מוזן מיר, באלשעוויקעס — די גאנצע צייט האלטן דעם פולווער טרוקן.

פארשטייט זיך, אז די דאזיקע איבערבלייבעכצן קאנען ניט ניט

זיין אַ גינסטיקער באָדן פאַר דער אויפלעבונג פון דער אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטילעניניסטישע גרופּעס אין די קעפּ פון באַזונדערע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי. ניט צו דערצו דעם ניט זייער הויכן טעשטאַרקן די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דורך פאַנאַנדערשוואַכע אידעאָלאָגישע אַרבעט פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען, די אָנגעלאָדנקייט פון אונזערע פּאַרטייטוער מיט ריין פּראַקטישער אַרבעט, וואָס נעמט בײַ זיי אָפּ די מעגלעכקייט צו דערגאַנצן זייער טעאָרעטישן באַגאַזש, — און איר וועט פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמט זיך דער פלאָנטער אין אַ ריי פראַגן פון לעניניזם אין די קעפּ פון באַזונדערע פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס דרינגט ניט זעלטן אַריין אין אונזער פּרעסע און וואָס פאַרלייכטערט די אויפלעבונג פון די רעשטן אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטילעניניסטישע גרופּעס.

אָט פאַרוואָס מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער קאַמף איז פאַרענדיקט און אַז עס איז מער ניטאָ קיין נויטיקייט אין דער פּאָליטיק פון דעם אָנגריף פון דעם סאָציאַליזם.

מע וואָלט געקאָנט נעמען אַ ריי פראַגן פון דעם לעניניזם און דעמאָנסטרירן מיט זיי — אַף וויפל עס איז נאָך לעבהאַפט צווישן געוויסע פּאַרטיי־מיטגלידער די רעשטן אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטילעניניסטישע גרופּעס.

לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, די פראַגע וועגן אויסבויען די ק ל אַ ס נ ל אָ ז ע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט. די 17טע פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט געזאָגט, אַז מיר גייען אין דער ריכטונג פון באַשאַפן אַ קלאַסנלאָזע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט קאָן ניט קומען אין 'אָרדענונג, אַזוי צו זאָגן, פון זעלבשטראָם. מע דאַרף זי אויסקעמפן און אויסבויען מיט די אָנשטרענגונגען פון אַלע אַרבעטנדיקע — דורך פאַרשטאַרקן די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, דורך פאַנאַנדערוויקלען דעם קלאַסנקאַמף, דורך פאַרניכטן די קלאַסן, דורך ליקווידירן די רעשטן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, און די שלאַכטן קעגן די שונאים, סיי קעגן די אינערלעכע און סיי אויך קעגן די אויסערלעכע.

די זאַך, דוכט זיך, איז אַ קלאָרע.

און דאָך, וועמען איז ניט באַוואוסט, אַז די פּראָקלאַמירונג פון אָט דעם קלאָרן און עלעמענטאַרן טעזיס פון לעניניזם האָט אַרויסגערופן אַ ניט קליינעם פלאָנטער אין די קעפּ און אומגעזונטע שטימונגען צווישן איין טייל פּאַרטיי־מיטגלידער? דעם טעזיס וועגן אונזער באַוועגן זיך פאָראויס צו דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, וואָס איז געגעבן ווי אַ לאָזונג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, ווי אַ סטיכישן פּראָצעס. און זיי האָבן געמאַכט אַזאַ חשבון: אויב אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, הייסט עס, — מע קאָן אָפּשוואַכן דעם קלאַסנקאַמף, מע קאָן אָפּשוואַכן די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און בכלל פאַרענדיקן מיט דער מלוכה, וואָס דאַרף סיי־ווי־סיי אָפּשטאַרבן אין דער נאָענטסטער צייט. און זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין קעלבערנע התפעלות פון דער דערוואַרטונג, אַז אינגיכן וועלן ניט זיין קיין שום קלאַסן, — הייסט עס, עס וועט ניט זיין קיין קלאַסנקאַמף, — הייסט עס, עס וועלן ניט זיין קיין דאגות און עגמת נפש, — הייסט עס, מע קען אַוועקלייגן דאָס געווער און גיין זיך לייגן שלאָפן און וואַרטן ביז וואַנען עס וועט קומען די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. (אַלגעמיינער געלעכטער פון דעם גאַנצן זאַל).

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז דער דאָזיקער פלאָנטער אין די קעפּ און די דאָזיקע שטימונגען זיינען, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, ענלעך אַף

די באַוואוסטע אָנשוויאונגען פון די רעכטע אָפּנויגלער, לויט וועלכע דאָס אַלטע דאַרף מיטן זעלבשטראָם איינוואַקסן אין דאָס נייע, און אין איין שיינעם פרימאָרגן דאַרפן מיר אומבאַמערקט זיך אויפכאַפּן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

ווי איר זעט, זיינען די רעשטן אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטילעניניש גרופּעס פּולקאָם פּיאַיק צו אויפלעבונג און האָבן נאָך ווייט ניט פאַרלאָרן זייער לעבהאַפּטיקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב דער דאָזיקער פּלאָנטער אין די אָנשוויאונגען און די דאָזיקע ניט-באָלשעוויסטישע שטימונגען וואָלטן באַהערשט די מערהייט פון אונזער פאַרטיי, וואָלט די פאַרטיי זיך אַרויסגעוויזן אַ דעמאָביליזירטע און אַן אַנטוואָפנטע.

לאָמיר נעמען ווייטער, די פראַגע וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכן אַ ר ט ע ל און לאַנדווירטשאַפטלעכער ק אָ מ ו נ ע. איצט זיינען אַלע מודע, אַז דער אַרטעל איז באַ איצטיקע באַדינגונגען די איינציק ריכטיקע פאָרם פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג. און דאָס איז פולקום פאַרשטענדלעך: א) דער אַרטעל פאָרט ריכטיק צונויף די פּערזענלעכע, שטייגערישע אינטערעסן פון די קאָלטווירטניקעס מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן; ב) דער אַרטעל פּאַסט געלונגען צו די פּערזענלעכע, שטייגערישע אינטערסן — צו די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן און דערמיט גופא פאַרגרינגערט ער די דערציאונג פון די נעכטיקע אינדיווידואַלן אין דעם גייסט פון קאָלעקטיוויזם.

אין קאָנטראַסט צום אַרטעל, וואו עס זיינען פאַרגעזעלשאַפטלעכט בלויז די פּראָדוציר-מיטלען זיינען אין די קאָמונעס ביז דער לעצטער צייט געווען פאַרגעזעלשאַפטלעכט ניט בלויז די פּראָדוציר-מיטלען, נאָר אויך דער לעבנשטייגער פון יעדן קאָמונע-מיטגליד, ד. ה. די קאָמונע-מיטגלידער האָבן אין קאָנטראַסט פון די אַרטעל-מיטגלידער ניט געהאַט אין זייער פּערזענלעכן באַזיץ קיין שטוב-עופות, קליין-פי, קיין בהמה, קיין תבואה און בייהויפישע-ערד. דאָס באַטייט, אַז די קאָמונעס פלעגן די פּערזענלעכע, שטייגערישע אינטערעסן פון די מיטגלידער ניט אַזוי פיל דיסקאָנטירט און באַהעפט ווערן מיט די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, וויפל זיי פלעגן פאַרטויבט ווערן צוליב די אינטערעסן פון דער קליינבירגערלעכער אויסגלייכעריי. פאַרשטייט זיך, אַז אָט דער אומשטאַנד איז די סאַמע שוואַכע זייט פון די קאָמונעס. דערמיט, אייגנטלעך, דערקלערט זיך טאַקע, וואָס די קאָמונעס האָבן ניט קיין גרעסערע פאַרשפּרייטונג און זיי באַגעגענען זיך בלויז איינצלנע און צענדליקער. איבער דער זעלבער סיבה זיינען די קאָמונעס, כדי צו פאַרטיידיקן זייער עקזיסטענץ און כדי זיך ניט פאַנאַנדערפאַלן, געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון פאַרגעזעלשאַפטלעכן דעם לעבן-שטייגער, זיי הייבן אָן אַרבעטן לויט טעג אַרבעט, זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן תבואה אַהיים, זיי דערלויבן אין דער פּערזענלעכער באַלעבאַטישקייט שטוב-עופות, קליין-פי, אַ בהמה, א. אַז. וו. אָבער דערפון דרינגט אַרויס, אַז די קאָמונעס זיינען פאַקטיש אַריבער אַף דער לאַגע פון די אַרטעלן. און דערין איז קיין שום שלעכטס ניטאָ, ווייל דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון דער געזונטער אַנטוויקלונג פון דער מאַסאָווער קאָלווירטישער באַוועגונג.

דאָס באַטייט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמונע איז בכלל ניט נויטיק, אַז זי איז שוין מער ניט די העכסטע פאָרם פון קאָלווירטישער באַוועגונג. ניין, די קאָמונע איז נויטיק און זי איז, פאַרשטייט זיך, די העכסטע פאָרם פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג, אָבער ניט די

הײנטיקע קאָמונע, װאָס איז אַנטשטאַנען אַף דער באַזע פון ניט אַנט־װיקלטער טעכניק און פון מאַנגל אין פּראָדוקטן, און װאָס גײט אַלײן אַריבער אַף דער לאַגע פון אַן אַרטעל, נאָר די צוקינפטיקע קאָמונע, װאָס װעט אַנטשטײגן אַף דער באַזע פון אַ מער אַנטװיקלטער טעכניק און אַף דער שפע פון פּראָדוקטן. די איצטיקע לאַנדװירטשאַפטלעכע קאָמונע איז אַנטשטאַנען אַף דער באַזע פון װײניק אַנטװיקלטער טעכ־ניק און אַפן מאַנגל פון פּראָדוקטן. דערמיט, אײגנטלעך, דערקלערט זיך טאַקע, װאָס זי האָט פּראַקטיצירט אױסגלײכערײ און האָט זיך װײניק גערעכנט מיט די פּערזענלעכע לעבן־שטײגערישע אינטערעסן פון אירע מיטגלידער, און דעריבער איז זי איצט געצװאונגען אַריבערצוגײן אַף דער לאַגע פון אַן אַרטעל, װאו עס װערן מיט שׂכל צענױפגעפּאָרט די פּערזענלעכע און די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פון די קאָלװירטניקעס. די צוקינפטיקע קאָמונע װעט אױסװאַקסן פון דעם אַנטװיקלטן און פאַרמעגלעכן אַרטעל. די צוקינפטיגע לאַנדװירטשאַפט־לעכע קאָמונע װעט אַנטשטײגן דעמאָלט, װען אַף די פעלדער און אין די פאַרמס פון אַרטעל װעט זײן אַ שפע פון תבואה, פי, עופות, גרינס און אַלערלײ אַנדערע פּראָדוקטן, װען בײַ די אַרטעלן װעלן אײנגעפירט װערן מעכאַניזירטע װעשערײען, מאָדערנע גאָרקיכן, ברױט־זאַװאָדן, א. אַז. װ., װען דער קאָלװירטניק װעט זען, אַז אים לוינט זיך מער צו באַקומען פלײש און מילך פון דער פאַרם, אײדער צו האַלטן אַן אײ־גענע בהמה און קלײנע פי, װען די קאָלװירטניצע װעט זען, אַז איר לוינט בעסער צו עסן מיטיק אין גאָרקיך, נעמען ברױט פון דעם ברױט־זאַװאָד און באַקומען געװאַשענע װעש פון דער געזעלשאַפטלעכער װעשערײ, אײדער אַלײן זיך צו באַשעפטיקן דערמיט. די צוקינפטיקע קאָמונע װעט אַנטשטײן אַף דער באַזע פון אַ מער אַנטװיקלטער טעכניק און אַ מער אַנטװיקלטן אַרטעל, אַף דער באַזע פון אַ שפע פּראָדוקטן. װען װעט דאָס זײן? געװיס, ניט גיך. אָבער דאָס װעט זײן. עס װאָלט געװען אַ פאַרברעכן קינסטלעך צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון אַריבערװאַקסן פון דעם אַרטעל אין דער צוקינפטיקער קאָמונע. דאָס װאָלט פאַרמישט אַלע קאָרטן און װאָלט פאַרלײכטערט די זאַך פון אונ־זערע שונאים. דער פּראָצעס פון דעם איבערװאַקסן פון אַרטעל אין דער צוקינפטיקער קאָמונע דאַרף פאָרקומען ביסלעכװײז, אַף װיפיל אַלע קאָלװירטניקעס װעלן זיך איבערצײגן אין דער נויטיקײט פון אַזאַ אַרי־בערװאַקסן.

אַזױ האַלט עס מיט דער פראַגע װעגן אַרטעל און קאָמונע.

די זאַך, דאַכט זיך, איז אַ קלאָרע און כמעט אַן עלעמענטאַרע.

און דאָך איז צװישן אַ טײל פּאַרטײ־מיטגלידער פאַראַן אַ היפּשער פּלאָנטער אין דער דאָזיקער פראַגע. מע מײנט, אַז דערקלערנדיק דעם אַרטעל פאַר דער גרונט־פאָרם פון דער קאָלװירטישער באַװעגונג, האָט די פּאַרטײ זיך דערװײטערט פון דעם סאָציאַליזם, איז אָפּגעטראָטן אַף צוריק פון דער קאָמונע, פון דער העכערער פאָרם פון דער קאָלװיר־טישער באַװעגונג — צו דער נידעריקערער. פרעגט זיך, פאַרװאָס? דערפאַר, װײזט זיך אַרױס, װאָס אין אַרטעל איז ניטאָ קײן גלײכהײט, װײל דאָרט װערט אָפּגעהיט דער אונטערשײד אין די באַדערפענישן און אין דעם פּערזענלעכן לעבן־שטײגער פון די אַרטעל־מיטגלידער, אין דער צײט, װען אין דער קאָמונע איז פאַראַן גלײכהײט, װײל דאָרט זײנען אױסגעגלײכט סײ די באַדערפענישן און סײ די פּערזענלעכע לעבן־שטײ־גערישע לאַגע פון אירע מיטגלידער. אָבער ערשטנס, זײנען בײַ אונז מער ניטאָ אַזעלכע קאָמונעס, װאו עס זאָל עקזיסטירן אַ גלײכונג, אַן

אויסגלייכעריי אפן געביט פון באדערפעניש און פון פערזענלעכן לעבן־שטייגער. די פראקטיק האט באוויזן, אז די קאמונעס וואלטן באשטימט אומגעקומען, ווען זיי וואלטן זיך ניט אפגעזאגט פון דער אויסגלייכעריי און וואלטן ווירקלעך ניט אריבער צו דער לאגע פון אן ארטעל. הייסט עס, אז ס'איז ניטא וואס צו פארופן זיך דערויף, וואס עס איז שוין ניטא אין דער נאטור. צווייטנס, יעדן לענויניסט איז באוואוסט, אויב נאר ער איז אן אמת'ער לעניניסט, אז די אויסגלייכעריי אפן געביט פון באדערפעניש און פון פערזענלעכן לעבן־שטייגער איז א רעאקציאנערע קליינבירגערלעכע אומגעלומפערטקייט, וואס פאסט פאר א וועלכער ס'ניט איז אורא‌לטער סעקטע פון אסקעטן, אבער ניט פאר א סאציאליסטישער געזעלשאפט, וואס איז ארגאניזירט מארקסיסטיש, ווייל מע קאן ניט פאדערן, אז בא אלע מענטשן זאלן זיין איינע און די זעלבע באדערפענישן און געשמאקן, אז אלע מענטשן אין זייער פערזענלעכן שטייגער זאלן לעבן לויט איין מוסטער. און צולעצט: צי איז דען צווישן די ארבעטער ניט פארבליבן קיין אונטערשייד, סיי אין די באדערפענישן און סיי אויך אין דעם פערזעלעכן לעבנשטייגער? צי באטייט עס, אז די ארבעטער שטייען ווייטער פון דעם סאציאליזם, ווי די מיטגלידער פון די לאנדווירטשאפטלעכע קאמונעס?

די דאזיקע מענטשן מיינען, אפנים, אז דער סאציאליזם פאדערט אן אויסגלייכעריי, א גלייכונג, א ניוועלירונג פון די באדערפענישן און פון דעם פערזענלעכן לעבן־שטייגער בא די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. עס איז ניטא וואס צו ריידן, אז אזא השערה האט קיין שום שייכות ניט צום מארקסיזם, צום לענויניזם. אונטער גלייכהייט פארשטייט דער מארקסיזם ניט אויסגלייכעריי אפן געביט פון פערזענלעכע באדערפענישן און לעבן־שטייגער, נאר די פארניכטונג פון קלאסן, ד. ה. א) דאס גלייכע באפרייען אלע ארבעטנדיקע פון דער עקספלואטאציע נאך דעם, ווי די קאפיטאליסטן זיינען שוין אראפגעווארפן און עקספראפריאירט, ב) די גלייכע אפשאפונג פאר אלעמען דאס פריוואט־אייגנטום אף די פראדוציר־מיטלען נאך דעם, ווי זיי זיינען איבערגעגעבן אין אייגנטום פון דער גאנצער געזעלשאפט, ג) די גלייכע פליכט פאר אלעמען צו ארבעטן לויט די פייאיקייטן און דאס גלייכע רעכט פאר אלע ארבעטנדיקע צו באקומען דערפאר לויט זייער ארבעט (די ס א צ י א ל י ס ט י ש ע געזעלשאפט), ד) די גלייכע פליכט פאר אלעמען צו ארבעטן לויט די פייאיקייטן און דאס גלייכע רעכט פון אלע ארבעטנדיקע צו באקומען דערפאר לויט די באדערפענישן (די ק א מ ו נ י ס ט י ש ע געזעלשאפט). דערביי גייט ארויס דער מארקסיזם דערפון, אז די געשמאקן און באדערפענישן פון די מענטשן זיינען ניט און קאנען ניט זיין איינע און די זעלבע און גלייכע לויט דעם קוואליטעט, אדער לויט דער קוואנטיטעט ניט אין דעם פעריאד פון דעם סאציאליזם, און ניט אין דעם פעריאד פון דעם קאמוניזם.

אט דאס איז די מארקסיסטישע אויפפאסונג פון דער גלייכהייט.

קיין אנדער גלייכהייט האט דער מארקסיזם ניט אנערקענט און אנערקענט ניט.

מאכן דערפון דעם אויספיר, אז דער סאציאליזם פאדערט אויסגלייכעריי, גלייכונג, ניוועלירונג פון די באדערפענישן בא די געזעלשאפט־מיטגלידער, א ניוועלירונג פון זייערע געשמאקן און פערזענלעכן לעבן־שטייגער, אז לויטן מארקסיזם דארפן אלע גיין אין איינע און די זעלבע אנצוגן און עסן איינע און די זעלבע געריכטן, אין איינער און

דער זעלבער צאָל, — הייסט, ריידן באַנאַלקייטן און טרייבן רכילות אַפן מאַרקסיזם.

שוין צייט צו באַנעמען, אַז דער מאַרקסיזם איז אַ פיינט פון אויסגלייכעריי. נאָך אין דעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" האָבן מאַרקס און ענגעלס געשמיסן דעם פּרימיטיוון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, אָנרופנדיק אים רעאַקציאָנערן, פאַר זיין פּריידיקן דעם „אַלגעמיינעם אַסקעטיזם און די וואולגאַרע אויסגלייכעריי". ענגעלס אין זיין „אַנטי־דיורינג" האָט געווידמעט אַ גאַנצן קאַפּיטל פון בייסנדיקער קריטיק איבערן „ראַדיקאַלן אויסגלייכערישן סאָציאַליזם", וואָס דיורינג האָט אים קעגנגעשטעלט קעגן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

„דער רעאַלער אינהאַלט פון דער פּראָלעטאַרישער פאָדערונג פון גלייכהייט, האָט ענגעלס געזאָגט, באַשטייט אין דער פאָדערונג צו פאַרניכטן די קלאַסן. יעדע פאָדערונג פון גלייכהייט, וואָס גייט ווייטער דערפון, ברענגט אומפאַרמיידלעך צו אומגעלומפּערטקייט".

דאָס זעלבע זאָגט לענין:

„ענגעלס איז געווען טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער האָט געשריבן: דער באַגריף גלייכהייט אויסער דער פאַרניכטונג פון די קלאַסן איז דער נאַרישסטער און סאַמע פּוסטער פאָראורטייל. די בורזשואַזע פּראָפעסאָרן האָבן פאַרן באַגריף גלייכהייט געפּרואווט אונדז צו באַשולדיקן דערין, אַז מיר, כלומרשט, ווילן איין מענטשן מאַכן גלייך צו אַ צווייטן. אין דעם דאָזיקן אומזין, וואָס זיי האָבן אליין צוגעקלערט, האָבן זיי געפּרואווט צו באַשולדיקן די סאָציאַליסטן. אָבער זיי האָבן ניט געוואוסט איבער זייער עם־הארצות, אַז די סאָציאַליסטן — און נעמלעך די גרינדער פון דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם — מאַרקס און ענגעלס — האָבן געזאָגט: גלייכהייט איז אַ פּוסטע פראַזע, אויב מיט גלייכהייט זאָל מען ניט פאַרשטיין די פאַרניכטונג פון קלאַסן. די קלאַסן ווילן מיר פאַרניכטן, אין דער הינזיכט שטייען מיר פאַר גלייכהייט. אָבער פּרעטענדירן דערפון, אַז מיר ווילן אַלע מענטשן מאַכן גלייך איינער צום אַנדערן, איז די סאַמע פּוסטע פראַזע און נאַרישע אויסטראַכטעניש פון אַ אינטעליגענט". (לענינס רעדע „וועגן אָפּנאַרן דאָס פאָלק מיט לאָזונגען פון פרייהייט און גלייכהייט").

דאַכט זיך, קלאָר.

די בורזשואַזע שרייבער שילדערן גערן דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, ווי די אַלטע צאַרישע קאַזאַרמע, וואו אַלץ איז אונטערגעוואָרפן דעם „פּרינציפּ" פון אויסגלייכעריי. אָבער די מאַרקסיסטן קאָנען ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער עם־הארצות און טעמפּקייט פון די בורזשואַזע שרייבער.

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז דער דאָזיקער פּלאָנטער אין די אָנשויונגען בא באַזונדערע פּאַרטיי־מיטגלידער וועגן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם און דאָס, וואָס די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אויסגלייכערישע טענדענצן, זיינען ענלעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, אַף די קליינבירגערלעכע אָנשויאונגען פון אונזערע לינקיסטישע כאַפּלאַפּער, בא וועמען די אידעאַליזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס איז איין צייט דערגאַנגען ביז דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפּרואווט איינפלאַנצן קאָמונעס אַפילע אין די זאַוואָדן און פאַבריקן, וואו די קוואַליפיצירטע און ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אַרבעטנדיק יעדער לויט זיין פּראָפעסיע, האָבן געדאַרפט אָפּגעבן דעם אַרבעטלוין אין אַלגעמיינעם קעסל און טיילן אים דערנאָך גלייך אַף

גלייך. עס איז באַוואוסט, וואָס פאַר אַ שאָדן עס האָט געבראַכט אונ־זער אינדוסטריע אָט די דאָזיקע אויסגלייכעריש־אינגלשע איבונגען פון די „לינקע" קרומע קעפּ.

ווי איר זעט, האָבן די רעשטן אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּעס אַ גאַנץ גרויסע לעבהאַפטיקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען די דאָזיקע לינקיסטישע אָנשויאונגען וואָלטן טריאומפירט אין דער פּאַרטיי, וואָלט די פּאַרטיי אויפגעהערט צו זיין אַ מאַרקסיסטישע, און די קאָלווירטישע באַוועגונג וואָלט ביז לעצט דע־זאָרגאַניזירט געוואָרן.

אָדער, צום בייספּיל, לאָמיר נעמען די פראַגע וועגן דעם לאָזונג: *„מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פאַר פאַרמעג־לעכע"*. דער דאָזיקער לאָזונג האָט אַ שייכות ניט בלויז צו די קאָל־ווירטניקעס. ער האָט נאָך מער אַ שייכות צו די אַרבעטער, ווייל מיר ווילן מאַכן אַלע אַרבעטער פאַר פאַרמעגלעכע, — פאַר מענטשן, וואָס פירן אַ פאַרמעגלעך פולקום קולטורעל לעבן.

דאַכט זיך, אַז די זאַך איז אַ קלאָרע. מע וואָלט ניט געדאַרפט אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם אין אָקטאָבער 1917 און בויען דעם סאָציאַליזם אין משך פון אַ ריי יאָרן, אויב מיר וועלן זיך ניט דער־שלאָגן דערצו, אַז מענטשן זאָלן באַ אונז לעבן אין וואוילטאָג. סאָצי־אַליזם באַדייט ניט דלות און דחקות, נאָר פאַרניכטן דעם דלות ון דחקות, אָרגאַניזירן אַ פאַרמעגלעך און קולטורעל לעבן פאַר אַלע מיט־גלידער פון דער געזעלשאַפט.

און דאָך, האָט אָט דער קלאָרער און אין תוך עלעמענטאַרער לאָזונג אַרויסגערופן אַ גאַנצע ריי ספקות, פּלאָנטעריי און מישמאַש צווישן אַ טייל פּאַרטיי־מיטגלידער. צי איז ניט דער דאָזיקער לאָזונג, זאָגן זיי, אַ צוריקער צום אַלטן לאָזונג „באַרייכערט זיך", וואָס די פּאַרטיי האָט אָפּגעוואָרפן? אויב אַלע וועלן ווערן פאַרמעגלעך, טענה'ען זיי ווייטער, און די אָרעמשאַפט וועט שוין מער ניט עקזיסטירן, — איז אַף וועמען זשע וועלן מיר, באָלשעוויקעס, זיך אָנשפּאַרן אין אונזער אַרבעט, ווי זשע וועלן מיר אַרבעטן אָן דער אָרעמשאַפט?

קען זיין, אַז דאָס איז לעכערלעך, אָבער די עקזיסטענץ פון אַזעלכע נאַיווע און אַנטילעניניסטישע אָנשויאונגען צווישן אַ טייל פּאַרטיי־מיטגלי־דער איז אָן ספק אַ פאַקט, מיט וועלכן מע קאָן ניט זיך ניט רעכענען.

די דאָזיקע מענטשן, ווייזט אויס, פאַרשטייען ניט, אַז צווישן דעם לאָזונג „באַרייכערט זיך" און דעם לאָזונג „מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פאַר פאַרמעגלעכע" ליגט אַ גאַנצער תהום. ערשטנס, באַרייכערן זיך קאָנען נאָר *איינצעלנע* פּערזאָנען, אָדער גרופּעס, אין דער צייט, ווען דער לאָזונג וועגן אַ פאַרמעגלעך לעבן האָט אַ שייכות ניט צו איינצלנע פּערזאָנען אָדער גרופּעס, נאָר צו *אַלע* קאָלווירטניקעס. צווייטנס, עס באַרייכערן זיך *איינצלנע* פּערזאָנען אָדער גרופּעס צוליב דעם, כדי אונטערצוּוואַרפן אונטער זיך די איבעריקע מענטשן און *עקספּלואַטירן* זיי, אין דער צייט, ווען דער לאָזונג וועגן אַ פאַרמעגלעכן לעבן פון *אַלע* קאָלווירטניקעס באַ דער אָנוועזנהייט פון דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוציר־מיטלען אין די קאָלווירטן *שליסט אויס* יעטווידער מעגלעכקייט פון עקספּלואַטירן איינער דעם אַנדערן. דריטנס, דער לאָזונג „באַרייכערט זיך" איז געגעבן גע־וואָרן אין דעם פּעריאָד פון דער אָנפאַנג־סטאַדיע פון „נעפּ", ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך טיילווייז אויפגעשטעלט, ווען די באַלעגופים זיינען געווען אין קראַפט, ווען אין לאַנד האָט דאָמינירט די אינדיווידועלע

פֿויערשע ווירטשאַפֿט, און די קאָלווירטישע ווירטשאַפֿט האָט זיך געפֿונען אין עמבריאָנעלן צושטאַנד. אָבער דער לאָזונג „מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פֿאַר פֿאַרמעגלעכע“ איז געגעבן געוואָרן אין דער לעצטער סטאַדיע פֿון „נעפּ“, ווען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער אינדוסטריע זיינען פֿאַרניכטעט, די באַלעגופֿים אין דאָרף צעשמעטערט, די אינדיווידועלע פֿויערשע ווירטשאַפֿט איז אָפּגעשטויסן אָפֿן הינטערפּלאַן, און די קאָלווירטן זיינען פֿאַרוואַנדלט אין דער הערשנדיקער פֿאָרם פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז דער לאָזונג „מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פֿאַר פֿאַרמעגלעכע“ איז געגעבן ניט איזאָלירט, נאָר אין ענגסטער פֿאַרבינדונג מיטן לאָזונג „מאַכן די קאָלווירטן פֿאַר באָלשעוויסטישע“.

איז דען ניט קלאָר, אַז דער לאָזונג „באַרייכערט זיך“ האָט אין תּוך באַטייט אַ רוף — א ו י פֿ צ ו ש ט ע ל ן דעם קאַפּיטאַליזם, דאַן, ווען דער לאָזונג „מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פֿאַר פֿאַרמעגלעכע“ באַדייט אַ רוף — ד ע ר ש ל אָ ג ן די לעצטע רעשטן קאַפּיטאַליזם דורכן פֿאַרשטאַרקן די עקאָנאָמישע מאַכט פֿון די קאָלווירטן און דורכן פֿאַרוואַנדלען אַלע קאָלווירטניקעס אין פֿאַרמעגלעכע האָרעפּאַשניקעס. (אויסגעשרייען: ריכטיק!)?

איז דען ניט קלאָר, אַז צווישן די דאָזיקע לאָזונגען איז ניטאָ און קאָן ניט זיין קיין שום געמיינזאַמעס (אויסגעשרייען: ריכטיק!)?

וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס, וואָס אָן דער עקזיסטענץ פֿון דער אָרעמשאַפֿט איז ניט מעגלעך כלומרשט ניט קיין באָלשעוויסטישע ארבעט, ניט דער סאָציאַליזם, איז דאָס אַזאַ נאַרישקייט, וועגן וואָס עס איז אפֿילע ניט באַקוועם צו ריידן. די לעניניסטן שטיצן זיך אַף דער אָרעמשאַפֿט, ווען עס זיינען פֿאַראַן קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און עס איז פֿאַראַן אָן אָרעמשאַפֿט, וואָס די קאַפּיטאַליסטן עקספּלואַטירן. אָבער ווען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן זיינען צעשמעטערט, און די אָרעמשאַפֿט איז באַפֿרייט פֿון דער עקספּלואַטאַציע, באַשטייט די אופֿגאַבע פֿון די לעניניסטן ניט דערין, מע זאָל פֿאַרפֿעסטיקן און איינהיטן די אָרעמקייט און אָרעמשאַפֿט, וואָס די פֿאָרבאַדינגונגען פֿון זייער עקזיסטענץ זיינען שוין פֿאַרניכטעט, נאָר דערין, מע זאָל פֿאַרניכטן די אָרעמקייט און אופֿהייבן די אָרעמשאַפֿט ביז אַ פֿאַרמעגלעכן לעבן. עס וואָלט געווען נאַריש צו מיינען, אַז דער סאָציאַליזם קאָן אויסגעבויט ווערן אַף דער באַזע פֿון דלות און נויט, אַף דער באַזע פֿון פֿאַרקלענערן די פּערזענלעכע באַדערפֿענישן און פֿאַרקלענערן דעם לעבנס־ניוואָ פֿון די מענטשן ביזן לעבנס־ניוואָ פֿון דער אָרעמשאַפֿט, וואָס דערצו נאָך וויל זי אַליין ניט מער פֿאַרבלייבן אָן אָרעמשאַפֿט און זי רייסט זיך צו אַ פֿאַרמעגלעכן לעבן. ווער באַדאַרף אַזאַ, במחילה, סאָציאַליזם? דאָס וואָלט געווען ניט קיין סאָציאַליזם נאָר אַ קאַריקאַטור אַף סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם קאָן אויסגעבויט ווערן בלויז אַף דער באַזע פֿון שטורמישן וואוקס פֿון די פּראָדוציר־כּחות פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַף דער באַזע פֿון אַ פֿאַרמעגלעכן לעבן פֿון די אַרבעטנדיקע, אַז דער באַזע פֿון דעם שטורמישן וואוקס און קולטורעלקייט. ווייל דער סאָציאַליזם, דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם, באַטייט ניט קיין פֿאַרקלענערונג פֿון די פּערזענלעכע באַדערפֿענישן, נאָר זייער אַלזייטיקע פֿאַרברייטערונג און אויפֿבלי, ניט קיין באַגרענעצונג אָדער אָפּזאָגונג פֿון באַפֿרידיקן די דאָזיקע באַדערפֿענישן, נאָר אָן אַלזייטיקע און פֿולשטענדיקע באַפֿרידיקונג פֿון אַלע באַדערפֿענישן פֿון די קולטורעל־אַנטוויקלטע אַרבעטנדיקע מענטשן.

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אַט דער פּלאָנטער אין די אָנשוויאונגען באַ באַזונדערע פּאַרטיי־מיטגלידער וועגן אָרעמשאַפט און פאַרמעגלעכקייט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די אָנשויאונגען פון אונזערע לינקיסטישע קרומע קעפּ, וואָס אידעאַליזירן די אָרעמשאַפט, ווי אַן אייביקע שטיצע פאַרן באָלשעוויזם ביי אַלע און אַלערליי באַדינגונגען, און וואָס באַטראַכטן די קאָלווירטן אלס אַן אַרענע פון פאַרביטערטן קלאַסנקאַמף.

ווי איר זעט, איז אויך דאָ, אין דער דאָזיקער פראַגע, פאַרלירן נאָך ניט זייער לעבהאַפטיקייט די רעשטן אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּעס.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַזעלכע ענלעכע קרומקעפּיקע אָנשויאונגען וואָלטן אָפּגעהאַלטן אַ זיג אין אונזער פּאַרטיי, וואָלטן די קאָלווירטן ניט געהאַט די דערפאָלגן, וואָס זיי האָבן זיך דערשלאָגן די לעצטע צוויי יאָר, און זיי וואָלטן זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין דער קירצסטער צייט.

אָדער לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ ר אַ ג ע. אויך דאָ, אַפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פונקט ווי אַפן געביט פון אַנדערע פראַגן, איז באַ אַ טייל פון דער פּאַרטיי פאַראַן אַ פּלאָנטער אין די אָנשויאונגען, וואָס שאַפט אַ געוויסע געפאַר. איך האָב גערעדט וועגן דער לעבהאַפטיקייט פון די איבערבלייבעכצן פון דעם קאַפּיטאַליזם. מע דאַרף באַמערקן, אַז די איבערבלייבעכצן פון דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם באַוואוסטזיין פון די מענטשן זיינען אַ סך מער לעבהאַפטיק אַפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי אַף אַ וועלכן עס איז אַנדער געביט. זיי זיינען מער לעבהאַפט, ווייל זיי האָבן די מעגלעכקייט גוט צו מאַסקירן זיך אין אַ נאַציאָנאַלן אָנצוג. אַ סך מיינען, אַז סקריפּניקס זינד איז אַן איינציקער פאַל, אַן אויסנאַם פון אַ כלל. דאָס איז ניט ריכטיק. סקריפּניקס זינד און די זינד פון זיין גרופּע אין אוקראַינע איז ניט קיין אויסנאַם. פונקט אַזעלכע אויסליניקענישן באַמערקן זיך באַ באַזונדערע חברים אויך אין אַנדערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן.

וואָס באַטייט דער אָפּנויג צום נאַציאָנאַליזם, — אַלץ איינס, צי עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָפּנויג, צום גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם, אָדער וועגן אַן אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם? דער אָפּנויג צום נאַציאָנאַליזם איז אַ צופּאַסונג פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק פון ארבעטער־קלאַס צו דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע. דער אָפּנויג צום נאַציאָנאַליזם שפּיגלט אָפּ די פּרואוון פון דער „אייגענער", „נאַציאָנאַלער" בורזשואַזיע אונטערצורייסן די ראַטן־אָרדענונג און אויפצושטעלן דעם קאַפּיטאַליזם. ווי איר זעט, איז דער קוואַל פוןביידע אָפּנויגן — אַן אַלגעמיינער. דאָס איז אַ ן אָ פּ ג אַ נ ג פון דעם לעניניש[ן] אינטערנאַציאָנאַליזם. אויב איר ווילט האַלטן אונטערן פייער ביידע אָפּנויגן, דאַרף מען, פריער פאַר אַלץ, שלאָגן איבער אַט דעם קוואַל, איבער די, וואָס גייען אָפּ פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם — אַלציינס — צי האַנדלט זיך דאָ וועגן אַן אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם, אָדער וועגן אַן אָפּנויג צום גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

מע אַמפּערט זיך וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אָפּנויג שטעלט מיט זיך פאָר די הויפּט־געפאַר, צי דער אָפּנויג צום גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם, אָדער דער אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם? באַ די איצטיקע באַדינגונגען איז דאָס אַ פאָרמעלע און דעריבער אַ פּוסטע אַמפּערניש. עס וואָלט געווען נאַריש צו געבן אַ פאַרטיקן רעצייפּט וועגן דער הויפּט גע־

פאר און ניט הויפט געפאר א רעצעפט, וואס טויג פאר אלע צייטן און באדינגונגען. אזעלכע רעצעפטן זיינען בכלל ניטא אין דער נאטור. די הויפט־געפאר שטעלט מיט זיך פאר דער אפּנויג, קעגן וועלכן מע האט אויפגעהערט צו קעמפן און ווען מע האט אף אזא אופן געלאזט זיך פאנאנדערוואקסן ביז א מלוכה׳שער געפאר. (דויערהאפטע אפּלאדיסמענטן)

אין אוקראינע האט נאך ביז גאר ניט לאנג דער אפּנויג צום אוקראינישן נאציאנאליזם ניט פארגעשטעלט קיין הויפט־געפאר, אבער ווען מע האט אופגעהערט קעגן אים צו קעמפן און מע האט אים געלאזט זיך פאנאנדערוואקסן אזוי פיל, אז ער האט זיך צוזאמענגעשלאסן מיט די אינטערווענציאניסטן, איז דער דאזיקער אפּנויג געווארן די הויפט־געפאר. די פראגע וועגן דער הויפט־געפאר אפן געביט פון דער נאציאנאלער פראגע ווערט געלייזט ניט מיט פארמעלע פוסטע אמפּערנישן, נאר מיט מארקסיסטישן אנאליז פון דער זאך־לאגע אין דעם געגעבענעם מאמענט און מיט דערלערנען די פעלערן, וואס זיינען דערלאזט געווארן אף דעם דאזיקן געביט.

דאס זעלבע דארף מען זאגן וועגן דעם **רעכטן און „לינקן" אפּנויג** אפן געביט פון דער אלגעמיינער פאליטיק. אויך דא, פונקט ווי אף אנדערע געביטן איז פאראן ניט קיין קליינער פלאנטער אין די אנשויאונגען בא באזונדערע מיטגלידער פון אונזער פארטיי. צומאל, פירנדיק א קאמף קעגן דעם רעכטן אפּנויג, ציט מען אפּ די האנט פון דעם „לינקן" אפּנויג און מע שוואכט אפּ דעם קאמף קעגן אים, רעכענענדיק, אז ער איז ניט געפערלעך, אדער ווייניק געפערלעך. דאס איז אן ערנסטער און געפערלעכער פעלער. דאס איז א הנחה דעם „לינקן" אפּנויג, וואס איז ניט דערלאזבאר פאר א פארטיי־מיטגליד, דאס איז נאך מער ניט דערלאזבאר, וואס די לעצטע צייט האבן די „לינקע" זיך ענדגילטיק ארויפגעקייקלט אף דער פאזיציע פון די רעכטע און אין תוך שיידן זיי זיך שוין מיט גארנישט ניט אונטער פון זיי.

מיר האבן שטענדיק דערקלערט, אז די „לינקע" — דאס זיינען די זעלבע רעכטע, וואס מאסקירן זייער רעכטקייט מיט לינקע פראזן. איצט באשטעטיקן די „לינקע" אליין די דאזיקע דערקלערונג אונזערע. נעמט די פאראיאריקע נומערן פון דעם טראצקיסטישן „ביולעטען". וואס פאדערן און וועגן וואס שרייבן דארט די הערן טראצקיסטן, אין וואס דריקט זיך אויס זייער „לינקע" פראגראם? זיי פאדערן: **פאנאנדערלאזן די ראטווירטן**, אלס ניט רענטאבעלע, **פאנאנדערלאזן דעם גרעסטן טייל קאלווירטן**, אלס אופגעבלאזענע, **אפּזאגן זיך פון דער פאליטיק פון ליקווידירן דאס באלעגופנטום, אומקערן זיך צו דער קאנצעסיע־פאליטיק און אפּגעבן אין קאנצעסיע א גאנצע ריי אונזערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען**, אלס ניט רענטאבעלע.

אט האט איר די פראגראם פון די מיאוסע פחדנים און קאפּיטולירן, א קאנטר־רעוואלוציאנערע פראגראם פון אויפשטעלן דעם קאפּיטאליזם אין פ. ס. ס. ר.!

מיט וואס שיידט זי זיך אונטער פון דער פראגראם פון די עקסט־רעכטע? קלאר, אז מיט גארנישט. קומט אויס, אז די „לינקע" האבן זיך אפן פאראייניקט צו דער קאנטר־רעוואלוציאנערער פראגראם פון די רעכטע, כדי צו מאכן מיט זיי א בלאק און כדי צו פירן א געמיינזאמן קאמף קעגן דער פארטיי.

ווי קאָן מען נאָך דעם זאָגן, אַז די „לינקע" זיינען ניט געפערלעך, אָדער ווייניק געפערלעך? איז דען ניט קלאָר, אַז די מענטשן, וואָס ריידן אַזאַ אומזין. גיסן וואַסער אַף די מיל־רעדער פון די פאַרפלוכטע שונאים פון דעם לעניניזם?

ווי איר זעט, איז אויך דאָ, אַפן געביט פון די אָפּנויגן פון דער פּאַרטיי־ליניע, — אַלציינס, צי האַנדלט עס זיך וועגן אָפּנויג אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, אָדער וועגן אָפּנויג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, — האָבן די איבערבלייבעכצן פון דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם באַוואוסט־זיין פון די מענטשן, דאַרונטער אויך אין דעם באַוואוסטזיין פון באַזונ־דערע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי — אַ גענוגע לעבהאַפטיקייט.

אָט האָט איר אייניקע ערנסטע און אַקטועלע פראַגן פון אונזער אידייאיש־פּאָליטישער אַרבעט, איבער וועלכע עס זיינען פאַראַן אין באַ־זונדערע שיכטן פון אונזער פּאַרטיי אַ ניט קלאָרקייט פון די אָנשויאונ־גען, אַ פּלאָנטער און אַמאָל אויך אַ דירעקטע אָפּנויגונג פון לעניניזם. און דאָס זיינען דאָך ניט די איינציקע פראַגן, מיט וועלכע מע וואָלט געקאָנט דעמאָנסטרירן דעם פּלאָנטער אין די אָנשויאונגען בא באַזונ־דערע פּאַרטיי־מיטגלידער.

צי קאָן מען נאָך דעם זאָגן, אַז בא אונז אין דער פּאַרטיי איז אַלץ אין אָרדענונג?

קלאָר, אַז מע קאָן ניט.

אונזערע אויפגאַבן אַפן געביט פון דער אידייאיש־פּאָליטישער אַר־בעט:

1) אויפהייבן דעם טעאָרעטישן ניוואָ פון דער פּאַרטיי אַף דער געהעריקער הויך;

2) פאַרשטאַרקן די אידעאָלאָגישע אַרבעט אין אַלע רינגען פון דער פּאַרטיי;

3) פירן אַן אומאויפהערלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון דעם לעניניזם אין די רייען פון דער פּאַרטיי.

4) דערציען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און דעם אומפּאַרטייאישן אַקטיוו, וואָס רינגלט זיי אַרום, אין דעם גייסט פון לענינישן אינטער־נאַציאָנאַליזם;

5) ניט פאַרשמירן, נאָר דרייסט קריטיקירן די אָפּנויגן בא אייניקע חברים פון דעם מאַרקסיזם־לעניניזם;

6) סיסיטעמאַטיש דעמאַסקירן די אידעאָלאָגיע און די רעשטן אידעאָלאָגיע פון די שטרעמונגען, וואָס זיינען פיינטלעך דעם לענעניזם.

2. פראַגן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנפירונג.

איך האָב גערעדט וועגן אונזערע דערפאָלגן. איך האָב גערעדט וועגן דעם זיג פון דער פּאַרטיי־ליניע סיי אַפן געביט פון דער פאָלק־ווירטשאַפט און קולטור, סיי אויך אַפן געביט פון בייקומען די אַנטי־לענינישע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי. איך האָב גערעדט וועגן דער אַלוועלטלעך־היסטאָרישער באַדייטונג פון אונזער זיג. אָבער דאָס באַ־טייטניט, אַז דער זיג איז אָפּגעהאַלטן אומעטום און אין אַלץ, און אַז עס זיינען שוין געלייזט אַלע פראַגן. אַזעלכע דערפאָלגן און זיגן זיינען בכלל ניטאָ אין דער נאַטור. ניט געלייזטע פראַגן און אַלערליי בלויזן פאַרבלייבן נאָך בא אונז ניט ווייניק. פאַראַנען איז בא אונז פאַראַן אַ באַרג אויפגאַבן, וואָס פאָדערן זייער לייזונג. אָבער דאָס באַדייט אָן ספק, אַז אַ גרויסער טייל אַקטועלע אָרדנטלעכע אויפגאַבן איז שוין גע־

לייזט מיט דערפאָלג און אין דעם זין איז, אָן ספק, דער גרעסטער זיג פון אונזער פאַרטיי.

נאָר אָט איז אַ פראַגע: ווי אַזוי האָט זיך געשאַפן דער דאָזיקער זיג, ווי אַזוי איז ער דעראָבערט געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט, מיט וואָס פאַר אַ קאַמף, מיט וואָס פאַראַ אָנשטרענגונגען?

איינציקע מיינען, אַז עס איז גענוג אויסצואַרבעטן אַ ריכטיקע פּאַרטיי־ליניע, פּראָקלאַמירן זי פאַר אַלעמען, פאָרמולירן זי אין דער פאָרם פון אַלגעמיינע טעזיסן און רעזאָלוציעס און אָפּשטימען זי איינשטימיק, כדי דער זיג זאָל קומען פון זיך אַליין, אַזוי צו זאָגן, מיטן זעלבשטראָם. דאָס איז, געוויס, ניט ריכטיק. דאָס איז אַ גרויסער טעות. אַזוי קאָנען דענקען בלויז פאַרפאַלענע ביוראָקראַטן און קאַנצעליאַריסטן. אין דער אמת'ן זיינען די דאָזיקע דערפאָלגן און זיגן באַקומען געוואָרן ניט אין אָרדענונג פון זעלבשטראָם, נאָר אין אָרדענונג פון פאַרביטערטן קאַמף פאַר דורכפירן די פאַרטיי־ליניע. דער זיג קומט קיינמאָל ניט אַליין, — געוויינלעך שלעפּט מען אים אַריין. גוטע רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס פאַר דער גענעראַלער ליניע פון דער פאַרטיי איז בלויז דער אָנהויב פון דער זאַך, ווייל זיי באַטייטן בלויז אַ פאַרלאַנג צו זיגן, אָבער ניט דעם זיג אַליין. נאָך דעם, ווי עס איז געגעבן די ריכטיקע ליניע, נאָך דעם, ווי עס איז געגעבן די ריכטיקע לייזונג פון דער פראַגע, — איז דער דערפאָלג הענגט אָפּ פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט, פון אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר דורכפירן אין לעבן די פאַרטיי־ליניע, פון דעם ריכטיקן אָפּקלייבן מענטשן, פון דעם דורכקאָנטראָלירן דאָס אויספילן די באַשלוסן פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען. אָן דעם ריזיקירט די ריכטיקע פאַרט־ליניע און די ריכטיקע באַשלוסן צו ליידן אַן ערנסטן שאָדן. נאָך מער: נאָך דעם, ווי עס איז געגעבן די ריכטיקע פּאָליטישע ליניע, לייזט די אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט אַלץ, דערין אויך דעם גורל פון דער פּאָליטישער ליניע גופא, —איר אויספילונג, אָדער איר דורכפאַל.

אין דער אמת'ן איז דער זיג דעראָבערט און אויסגעקעמפט געוואָרן דורכן סיסטעמאַטישן און פאַרביטערטן קאַמף קעגן אַלערליי שוועריקייטן אַפן וועג פון דורכפירן די פאַרטיי־ליניע, דורך בייקומען די דאָזיקע שוועריקייטן, דורך מאָביליזירן די פאַרטיי און דעם ארבעטער־קלאַס אַף בייצוקומען די שוועריקייטן, דורך אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר בייקומען די שוועריקייטן, דורך אַראָפּנעמען די טויגעניכטסן און צוקלייבן בעסערע, וואָס זיינען פייאיק צו פירן דעם קאַמף קעגן די שוועריקייטן.

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שוועריקייטן און וואו שטעקן זיי?

די דאָזיקע שוועריקייטן זיינען שוועריקייטן פון אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט, שוועריקייטן פון אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנפירונג. זיי שטעקן אין אונז גופא, און אונזערע אָנפירנדיקע טוער, אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס, אין די אַפּאַראַטן פון אונזערע פאַרטייאישע, סאָוועטישע,ווירטשאַפטלעכע, טרייד־יוניאָניסטישע, קאָמיונישע (קאָמוניסטישע יוגנט) און אַלערליי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

מע דאַרף פאַרשטיין, אַז די קראַפט און אַווטאָריטעט פון אונזערע פאַרטייאיש־סאָוועטישע, ווירטשאַפטלעכע און אַלערליי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און פון זייערע אָנפירער איז אויסגעוואָקסן אין אַן אומגעהויערן גראַד. און טאַקע דערפאַר, וואָס זייער קראַפט און אַווטאָריטעט איז אויסגעוואָקסן ביז אַן אומגעהויערן גראַד, — העגנט פון זייער ארבעט איצט אָפּ אַלץ, אָדער כמעט אַלץ. דאָס פאַרופן זיך אַף די אַזוי־גערופענע אָביעקטיווע באַדינגונגען האָט ניט קיין באַרעכטיקונג. נאָכ־

דעם, ווי די ריכטיקייט פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי־ליניע איז באַשטעטיקט דורך דער דערפאַרונג פון אַ ריי יאָרן, און די גרייז־קייט פון די אַרבעטער און פּויערים צו שטיצן די דאָזיקע ליניע רופט מער ניט ארויס קיין ספקות, — האָט זיך די ראָליע פון די אַזויגערופענע אָביעקטיווע באַדינגונגען אויסגעלאָזן צו אַ מינימום, דאַן, ווען די ראָליע פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס און זייערע אָנפירער איז געוואָרן אַן אַנטשיידנדיקע, אַן אויסשליסלעכע. וואָס באַדייט עס? דאָס באַדייט, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אונזערע דורכבריסן און דעפעקטן אין אונזער אַרבעט ליגט זיך פון היינט אָן אָפ ניין צענטל ניט אַף די „אָביעקטיווע" באַדינגונגען, נאָר אַף אונז אליין, און בלויז אַף אונז.

מיר האָבן אין דער פּאַרטיי מער ווי 2 מיליאָן מיטגלידער און קאַנדידאַטן, מיר האָבן אין קאָמיונג (קאָמוניסטישע יוגנט ליג) מער פון 4 מיליאָן מיטגלידער און קאַנדידאַטן. מיר האָבן איבער 3 מיליאָן אַרבעטער און פּויערשע קאָרעספּאָנדענטן. אין אָסאָאַוויאַכים (אַוויאַציע און כעמישע געזעלשאַפט) איז באַ אונז פאַראַן מער פון 12 מיליאָן מיטגלידער. אין די יוניאָנס — איבער 17 מיליאָן מיטגלידער. אָט די אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונזערע דערפאָלגן. און אויב, ניט געקוקט אַף דער אָנוועזנהייט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס און אַזעלכע מעגלעכקייטן, וואָס פאַרלייכטערן צו דערגרייכן די דערפאָלגן, האָבן מיר ניט ווייניק דעפעקטן אין דער אַרבעט און ניט קיין קליינע צאָל דורכבריסן, זיינען שולדיק דערין נאָר מיר, אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, אונזער שלעכטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנפירונג.

דער ביוראָקראַטיזם און די קאַנצעליאַרישקייט פון די פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַטן; די פּלוידעריי וועגן „אָנפירן בכלל" אָנשטאָט לעבעדיקער און קאָנקרעטער אָנפירונג; דער פונקציאָנעלער געבוי פון די אָרגאַניזאַציעס און דאָס פעלן פון פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט; די אַנאָנימקע אין דער אַרבעט און די אויסגלייכעריי אין דער סיסטעם פון דעם אַרבעטלוין; דאָס אויספעלן פון סיסטעמאַטישן קאָנטראָלירן די אויספילונג, די מורא פאַר זעלבסטקריטיק, — אָט וואו עס זיינען די קוואַלן פון אונזערע שוועריקייטן, אָט וואו עס שטעקן איצט אונזערע שוועריקייטן.

עס וואָלט געווען נאַאיוו צו דענקען, אַז מע קאָן באַקעמפן די דאָזיקע שוועריקייטן מיט דער הילף פון רעזאָלוציעס און באַשטימונגען. די ביוראָקראַטן און קאַנצעליאַריסטן האָבן שוין לאַנג זיך צוגעוואוינט מיט ווערטער צו דעמאָנסטרירן טרייהייט צו די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, און אין טאַט — אַוועקלייגן זיי אונטערן געוואַנט. צו באַקעמפן די דאָזיקע שוועריקייטן האָט מען געדאַרפט ליקווידירן די הינטערשטעליקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט לגבי די פאָדערונגען פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי־ליניע, מע האָט געדאַרפט אויפהייבן דעם ניוואָ פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנפירונג אין אַלע ספערן פון דער פאָלקווירטשאַפט ביזן ניוואָ פון פּאָליטישער אָנפירונג, מע האָט זיך געדאַרפט דערשלאָגן, אַז אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט זאָל זיכערן דאָס פּראַקטישע דורכפירן אין לעבן די פּאָליטישע לאָזונגען און באַשלוסן פון דער פּאַרטיי.

כדי צו באַקעמפן די דאָזיקע שוועריקייטן און דערשלאָגן זיך צו דערפאָלגן, האָט מען געדאַרפט אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן דעם קאַמף אַף בייצוקומען די דאָזיקע שוועריקייטן, מע האָט געדאַרפט אריינציען די מאַסן אַרבעטער און פּויערים אין דעם דאָזיקן קאַמף, מע האָט געדאַרפט מאָביליזירן די פּאַרטיי גופא, מע האָט געדאַרפט אָפּריינִיקן די פּאַרטיי און

די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון די אומזיכערע, ניט שטאַנדהאַפ־טיקע, דעגענערירטע עלעמענטן.

וואָס האָט זיך געפאָדערט צוליב דעם?

מיר האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירן:

1) די פאַנאַנדערוויקלונג פון דער זעלבסטקריטיק און אויפ־דעקן די דעפעקטן אין אונזער אַרבעט;

2) די מאָביליזאַציע פון די פאַרטייאישע, סאָוועטישע, ווירט־שאַפטלעכע, פראָפעסיאָנעלע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס צום קאַמף קעגן די שוועריקייטן;

3) די מאָביליזאַציע פון די אַרבעטער־פויערישע מאַסן צום קאַמף פאַר דורכפירן אין לעבן די לאָזונגען און די באַשלוסן פון דער פאַרטיי און רעגירונג;

4) די פאַנאַנדערוויקלונג פון דעם געוועט און שלאָגעריי צווישן די אַרבעטנדיקע;

5) די ברווטע נעץ פאָליטאָפּטיילן פון די מאַשין טראַקטאָר סטאַנ־ציעס און ראַטווערטן און דערנעענטערן די פאַרטייאיש־סאָוועטישע אָנ־פירונג צום דאָרף;

6) צעגלידערן די פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן, די הויפּט־פאַרוואַלטונגען און די טרעסטן און דערנעענטערן די ווירטשאַפטלעכע אָנפירונג צו דער אונטערנעמונג;

7) פאַרניכטן די אַנאָנימקע אין דער אַרבעט און ליקווידירן די אויסגלייכעריי אין דער סיסטעם פון אַרבעטלוין;

8) פאַרניכטן די „פונקציאָנעלקע”, פאַרשטאַרקן די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די איינשטעלונג אָף ליקווידירן די קאָלעגיעס;

9) פאַרשטאַרקן דאָס קאָנטראָלירן די דורכפירונג און די איינ־שטעלונג אָף רעאָרגאַניזירן די צענטראַלע קאָנטראָל קאָמיסיע און די אַרבעטער־און־פויערים אינספּעקציע אין גייסט פון פאַרשטאַרקן אָף ווייטער דאָס קאָנטראָלירן די אויספילונג;

10) איבערוקן די קוואַליפיצירטע טוער פון די קאַנצעליאַריעס נעענטער צו דער פּראָדוקציע;

11) דעמאַסקירן און אַרויסטרייבן פון די פאַרוואַלטונג־אַפּאַראַטן די פאַרפאַלענע ביוראָקראַטן און קאַנצעליאַריסטן;

12) אַראָפּנעמען פון די פּאָסטנס די ברעכער פון די באַשלוסן פון דער פאַרטיי און רעגירונג, די אויגנפאַרבלענדער און פּלוידערער, און אַרויסרוקן אָף זייער אָרט נייע מענטשן, — מענטשן פון טאַט, וואָס זיינען פייאיק צו זיכערן די קאָנקרעטע אָנפירונג מיט דער אָנפאַרטרוי־טער אַרבעט און פאַרפעסטיקן די פאַרטייאיש־סאָוועטישע דיסציפּלין.

13) רייניקן די סאָוועטיש־ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פאַרקלענערן זייערע שטאַטן;

14) צולעצט, רייניקן די פאַרטיי פון די אומזיכערע און צעפוילכטע מענטשן.

אָט זיינען אין גרונט די מיטלען, וואָס די פאַרטיי האָט געדאַרפט אַרויסרוקן, כדי צו באַקעמפן די שוועריקייטן, כדי אויפצוהייבן דעם ניוואָ פון אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט ביזן ניוואָ פון פּאָליטישער אָנפירונג און זיכערן, אַזוי אַרום, דאָס דורכפירן אין לעבן די פאַרטיי־ליניע.

איר ווייסט, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט פון אונזער פאַרטיי האָט טאַקע אַזוי געפירט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אין דעם באַריכט־פּעריאָד.

דער צ. ק. האָט זיך דערביי געהאַלטן באַ לענינס גענויאַלן געדאַנק וועגן דעם, אַז דער עיקר אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט איז צ ו ק ל י י ב ן מ ע נ ט ש ן א ו ן ק אָ נ ט ר אָ ל י ר ן ד י ד ו ר כ פ י ר ו נ ג.

אין פּרט פון צוקלייבן און אַראָפּנעמען די, וואָס האָבן זיך ניט באַרעכטיקט, האָב איך געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער.

אויסער די פאַרפאַלענע ביוראָקראַטן און קאַנצעלאַריסטן, וואָס וועגן באַזייטיקן זיי איז באַ אונז ניטאָ קיין שום מיינונגספאַרשיידנקייטן,—זיינען באַ אונז פאַראַן נאָך צוויי טיפּן טוער, וואָס האַמעווען אונזער אַרבעט, וואָס שטערן אונזער אַרבעט און לאָזן זיך אונז ניט באַוועגן פאָראויס.

איין טיפּ טוער, — דאָס זיינען מענטשן מיט געוויסע פאַרדינסטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, מענטשן, וואָס זיינען געוואָרן פּריצים, מענטשן, וואָס האַלטן, אַז די פּאַרטייאישע און סאָוועטישע געזעצן זיינען געשריבן ניט פאַר זיי, נאָר פאַר נאַראָנים. דאָס זיינען די זעלבע מענטשן, וואָס האַלטן ניט פאַר זייער פליכט דורכצופירן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג און וואָס צעשטערן אַף אַזאַ אופן די יסודות פון דער פּאַרטייאישער און מלוכה'שער דיסציפּלין. אַף וואָס רעכענען זיי אויס, ברעכנדיק די פּאַרטייאישע און סאָוועטישע געזעצן? זיי האָפן דערויף, אַז די סאָוועטנמאַכט וועט זיך ניט אַנטשליסן אָנצורירן זיי איבער זייערע אַלטע פאַרדינסטן. די דאָזיקע גדלות'דיקע פּריצים מיינען, אַז זיי זיינען ניט צו פאַרבייטן, און אַז זיי קאָנען אומבאַשטראָפט ברעכן די באַשלוסן פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען. ווי זאָל מען זיך באַגיין מיט אַזעלכע טוער? מע דאַרף זיי אָן וואַקלענישן אַראָפּנעמען פון די אָנפירנדיקע פּאָסטנס, ניט שוינענדיק זייערע פאַרדינסטן אין דער פאַרגאַנגענהייט (אויסגעשרייען: ריכטיק!). מע דאַרף זיי אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט און פאַרקלענערן זייערע אַמטן און וועגן דעם פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע (אויסגעשרייען: ריכטיק!). דאָס איז נויטיק צוליב דעם, כדי אַראָפּצושלאָגן די גאוה פון די דאָזיקע גדלות'דיקע פּריצים — ביוראָקראַטן און אַוועקשטעלן זיי אַף אַן אָרט. דאָס איז נויטיק צוליב דעם, כדי צו פאַרפעסטיקן די פּאַרטייאישע און סאָוועטישע דיסציפּלין אין אונזער גאַנצער אַרבעט. (אויסגעשרייען: ריכטיק! אַפּלאָדיסמענטן).

און איצט וועגן דעם צווייטן טיפּ טוער. איך האָב דאָ אין אויג דעם טיפּ פּלוידערער, איך וואָלט געזאָגט ערלעכע פּלוידערער (געלעכטער), ערלעכע מענטשן, וואָס זיינען איבערגעגעבן דער סאָוועטנמאַכט, אָבער, וואָס זיינען ניט פייאיק אָנצופירן, וואָס זיינען ניט פייאיק, וואָס עס איז צו אָרגאַניזירן. פאַראַיאָרן האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט איינעם אַזאַ חבר, זייער אַ געערטער חבר, אָבער אַ פאַרפאַלענער פּלוידערער, וואָס איז פייאיק צו דערטרינקען אין פּלוידעריי די בעסטע לעבעדיקע זאַך. אָט איז דער שמועס:

איך: און ווי אַזוי האַלט באַ איך מיטן פאַרזיי?

ער: מיטן פאַרזיי, חבר סטאַלין? מיר האָבן זיך מאָביליזירט. (געלעכטער).

איך: נו, און וואָס?

ער: מיר האָבן אַוועקגעשטעלט די פראַגע שאַרף (געלעכטער).

איך: נו, און וואָס ווייטער?

ער: פאַראַן באַ אונז אַן איבערבראָך, חבר סטאַלין, אינגיכן וועט זיין אַן איבערבראָך (געלעכטער).

איך: דאָך?

ער: באַ אונז מערקט זיך אַ רוק פאָראויס (געלעכטער).

איך: נו, אָבער פאָרט ווי האַלט באַ אייך מיטן פאַרזיי?

ער: מיטן פאַרזיי קומט באַ אונז דערווייל גאָרניט ארויס, חבר סטאַלין. (אַלגעמיינער הילכיקער געלעכטער).

אָט האָט איר אייך די פיזיאָנאָמיע פון אַ פלוידערזאַק. זיי האָבן זיך מאָביליזירט, זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די פראַגע שאַרף, פאַראַן באַ זיי סיי אַן איבערבראָך, סיי אַן איבערוק, נאָר די זאַך רירט זיך ניט פון אָרט.

ס'איז פונקט אַזוי, ווי איינער אַן אוקראַאינישער ארבעטער האָט דאָ ניט לאַנג כאַראַקטעריזירט דעם צושטאַנד פון זיין אָרגאַניזאַציע, ווען מ'האָט באַ אים געפרעגט, צי איז פאַראַן אַ ליניע באַ דער האָזיקער אָרגאַניזאַציע: „וואָס איז שייך אַ ליניע..., אַ ליניע איז פאַרשטייט זיך, פאַראַן, נאָר קיין ארבעט איז ניט קאָנטיק" (אַלגעמיינער געלעכטער). קלאָר, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אויך אירע אָרנטלעכע פלוידער־זעק.

און ווען דו נעמסט אַראָפּ פון די פאָסטן אַזעלכע פלוידערזעק און שיקסט זיי אָפּ וואָס ווייטער פון אָפּעראַטיווער ארבעט, צענעמען זיי די הענט און שטוינען; „פאַרוואָס פאָרט נעמט מען אונז אַראָפּ? האָבן מיר דען ניט געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נויטיק פאַר דער ארבעט? האָבן מיר דען ניט צונויפגערופן אַ שלאָגלער־צוזאַמענפלי, האָבן מיר דען אַף דער קאָנפערענץ פון די שלאָגלער ניט פראָקלאַמירט די לאָזונגען פון דער פאַרטיי און דער רעגירונג, האָבן מיר דען ניט אויסגעווילט דעם גאַנצן באַשטאַנד פון פאָליט־ביוראָ פון צ. ק. אין ערן־פרעזידיאום? (אַלגעמיינער געלעכטער), האָבן מיר דען ניט אַוועקגעשיקט אַ באַגריסונג דעם ח' סטאַלין, — איז וואָס זשע נאָך ווילט איר פון אונז? (אַלגעמיי־נער הילכיקער געלעכטער).

וואָס זאָל מען טאָן מיט אַזעלכע פאַרפאַלענע פלוידערזעק? אויב מע זאָל זיי איבערלאָזן אַף אָפּעראַטיווער ארבעט זיינען זיי דאָך פיאיק צו דערטרינקען יעטווידער לעבעדיקע זאַך אין אַ שטראָם וואַסערדיקע און אומענדלעכע רעדעס. קלאָר, אַז מע דאַרף זיי אַראָפּנעמען פון די אָנפירי־דיקע פאָסטנס און אַוועקשטעלן זיי אַף אַן אַנדערער, ניט־אָפּעראַטיווער ארבעט. פאַר פלוידערזעק איז ניטאָ קיין אָרט אַף אָפּעראַטיווער ארבעט. (אויסגעשרייען: ריכטיק! אַפּלאָדיסמענטן).

וועגן דעם, ווי דער צ. ק. האָט געריכטעט דאָס צוקלייבן מענטשן פאַר די סאָוועטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און ווי ער האָט געפירט די ארבעט צו פאַרשטאַרקן דעם קאָנטראָל איבער דער דורכפי־רונג, — האָב איך שוין אין קורצן מיטגעטיילט. מער גענוי וועט אייך פאָרטראָגן וועגן דעם דער ח' קאַהאַנאָוויטש לויטן דריטן פונקט פון דער טאָג־אָרדענונג פון דעם צוזאַמענפאָר.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער ווייטערדיקער ארבעט צו פאַרשטאַרקן די נאָכקאָנטראָלירונג פון דער דורכפירונג, איז וועגן דעם וואָלט איך גע־וואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער.

ריכטיק אָרגאַניזירן דעם נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג האָט אַ באַשליסנדיקע באַדייטונג אין דעם קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם און קאַנ־צעליאַריזם. צי ווערן די באַשלוסן פון די אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס דורכגעפירט, אָדער די ביוראָקראַטן און קאַנצעליאַריסטן פאַרשטעקן זיי אונטערן טישטעך? ווערן זיי ריכטיק דורכגעפירט אָדער זיי ווערן פאַר־קריפלט? ארבעט דער אַפּאַראַט אָרנטלעך און אַף אַ באָלשעוויסטישן אופן, אָדער ער ארבעט אַף פוסט, — וועגן דעם אַלץ קאָן מען זיך דערוויסן באַציַיטנס בלויז אין רעזולטאַט פון אַ גוט־אַוועקגעשטעלטן

נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג. אַ גוט אוועקגעשטעלטער נאָכקאָנ־טראָל פון דער דורכפירונג, דאָס איז יענער פּראָזשעקטער, וואָס העלפט צו באַלייכטן דעם צושטאַנד פון דער ארבעט פון דעם אַפּאַראַט אין יעטווידער צייט און ארויסשלעפּן אַף דער ליכטיקער שיין די ביוראָ־קראַטן און קאַנצעליאַריסטן. מע קאָן זיכער זאָגן, אַז ניין צענטל פון אונזערע לעבער און דורכרייסן נעמען זיך פון דעם, וואָס עס פעלט אויס דער גוט אוועקגעשטעלטער נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג. ס'קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז ווען אַזאַ נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפי־רונג וואָלט געווען, וואָלטן די לעבער און דורכרייסן געווים געווען אויס־געמיטן.

אָבער כדי דער נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג זאָל דערגרייכן זיין ציל, זיינען נייטיק אַמווייניקסטנס צוויי באַדינגונגען: ערשטנס, אַז דער נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג זאָל זיין אַ סיסטעמאַטישער און ניט קיין עפּיזאָדישער; צווייטנס, — אַז אין דער שפּיץ פון דעם נאָכ־קאָנטראָלירן די דורכפירונג, זאָלן אין אַלע רינגען פון די פּאַרטייאיש־סאָוועטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיך געפינען ניט קיין צווייטראַנגיקע פּערזאָנען, נאָר גענוג אויטאָריטעטע מענטשן, — די אָנ־פירער אליין פון דער אָרגאַניזאַציע.

די גרעסטע באַדייטונג האָט די ריכטיקע אָרגאַניזירונג פון דעם נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג פאַר די צענטראַלע אָנפירנדיקע אַנ־שטאַלטן. די אַרבעטער־און־פּויערים אינספּעקציע קאָן ניט לויט איר אָרגאַניזאַציע באַפרידיקן די פאָדערונגען פון אַ גוט אוועקגעשטעלטן נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די ווירטשאַפטלעכע ארבעט איז געווען אַ מער איינפאַכע און אַ ווייניקער צופרידנשטעליקע און ווען מע האָט געקאָנט אויסרעכענען אַף דער מעג־לעכקייט צו אינספּעקטירן די ארבעט פון אַלע פאָלקס־קאָ־מיסאַריאַטן און פון אַלע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, איז די אַר־בעטער־און־פּויערים אינספּעקציע געווען אַפּן אָרט. אָבער איצט, ווען אונזער ווירטשאַפטלעכע אַרבעט איז זיך צעוואַקסן און איז געוואָרן קאָמפּליצירטער און ווען ס'איז שוין ניטאָ מער ניט די נויטיקייט און ניט די מעגלעכקייט צו אינספּעקטירן זי פון איין צענטער ארויס, דאַרף די אַרבעטער־און־פּויערים אינספּעקציע זיך איבערבויען. איצט דאַרפן מיר האָבן ניט קיין אינספּעקציע, נאָר אַ נאָכקאָנטראָל פון דער דורכפירונג פון די באַשלוסן פון צענטער, — מיר דאַרפן איצט האָבן אַ קאָנטראָל איבער דער דורכפירונג פון די באַשלוסן פון צענטער. מיר דאַרפן איצט האָבן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ניט נעמען אַף זיך קיין אוניווערסאַלן ציל צו אינספּעקטירן אַלץ און אַלע־מען און קאָנען קאָנצענטרירן איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַף דער אַרבעט פון קאָנטראָל, אַף דער ארבעט פון נאָכקאָנטראָלירן, ווי עס ווערן דורכגעפירט די באַשלוסן פון די צענטראַלע אַנשטאַלטן פון דער סאָוועטנ־מאַכט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע קאָן זיין בלויז אַ קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל באַם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס אַרבעט לויט די אויפגעבונגען פון ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן און האָט אַף די ערטער אירע פאַרשטייער, אומאָפּהענגיקע פון די אָרטיקע אָרגאַנען. און כדי זי זאָל האָבן דעם געהעריקן אויטאָריטעט, כדי זי זאָל קאָנען אין דעם נויטיקן פאַל ציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט יעט־ווידן, פאַראַנטוואָרטלעכן טוער, — איז נייטיק אַז די קאַנדידאַטן פאַר מיטגלידער אין דער קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל זאָלן אָנגעמערקט ווערן דורכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און זאָלן באַשטעטיקט ווערן דורכן

ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן און צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך מיין, אַז נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָלט געקאָנט פאַרפעסטיקן דעם סאָוועטישן קאָנטראָל און די סאָוועטישע דיסציפּלין.

וואָס איז שייך דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיטע, איז זי, ווי באַוואוסט, געווען געשאַפן פריער פאַר אַלץ און דער עיקר צוליב ניט דערלאָזן צו אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. איר ווייסט, אַז די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג איזווירקלעך געווען בײַ אונדז איין צייט. איר ווייסט, אַז דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע און אירע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך איינגעגעבן צו באַזייטיקן די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג. אָבער איצט איז פאַר אונדז מער ניטאָ די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג. דערפאַר אָבער איז בײַ אונדז איצט פאַראַן אַ שטאַרקע נויטיקייט אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנען קאָנצענטרירן איר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אַף דער אַרבעט פון נאָכקאָנטראָלירן די דורכפירונג פון די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און פון איר צענטראַל־קאָמיטעט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע קאָן זיין בלויז אַ קאָמיסיע פון פּאַרטייאישן קאָנטראָל באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס אַרבעט לויט די אויפגעבונגען פון דער פּאַרטיי און איר צ. ק., און וואָס האָט אַף די ערטער אירע פאָרשטייער, אומאָפּהענגיקע פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. קלאָר, אַז אַזאַ פאַראַנט־וואָרטלעכע אָרגאַניזאַציע דאַרף האָבן דעם געהעריקן אויטאָריטעט. און כדי זי זאָל האָבן גענוג אויטאָריטעט, כדי זי זאָל קאָנען צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט יעטווידן פאַרשולדיקטן פאַראַנטוואָרטלעכן טוער, דערין אויך מיטגלידער פון צ. ק., — איז נייטיק, אַז די מיטגלידער פון דער דאָזיקער קאָמיסיע זאָל קאָנען אויסוויילן און אַראָפּזעצן בלויז דער העכסטער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי — דער פּאַרטיי צוזאַמענפאָר. ס'קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט זיין אינגאַנצן פייאיק צו פאַרווירקלעכן דעם קאָנטראָל איבער דער דורכפירונג פון די באַשלוסן פון די צענטראַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען און וועט פאַרפעסטיקן די פּאַרטיי־דיסציפּלין.

אַזוי האַלט דאָס מיט די פראַגן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנפירונג.

אונזערע אויפגאַבן אין געביט פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט:

1) אויך ווייטער צופּאַסן אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט צו די פאָדערונגען פון דער פּאָליטישער ליניע פון דער פּאַרטיי:

2) אויפהייבן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנפירונג ביזן ניוואָ פון דער פּאָליטישער אָנפירונג;

3) זיך דערשלאָגן, אַז די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנפירונג זאָל פול־שטענדיק זיכערן דאָס דורכפירן אין לעבן די פּאָליטישע לאָזונגען און באַשלוסן פון דער פּאַרטיי.

* * *

איך ענדיק, דעם באַריכט־פאָרטראַג.

וועלכע אויספירן דרינגען פון אים אַרויס?

איצט אָנערקענען שוין אַלע, אַז אונזערע דערפאָלגן זיינען גרויס און אומגעהויער. דאָס לאַנד איז אין אַ פאַרהעלטמעסיק קורצער צייט אַריבערגעפירט געוואָרן אַף די רעלסן פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָ־לעקטיוויזאַציע. ס'איז מיט דערפאָלג פאַרווירקלעכט געוואָרן דער ער־שטער פינפיאָר. דאָס רופט אַרויס אַ געפיל פון שטאָלץ און פאַרשטאַרקט

דעם גלויבן אין די אייגענע כחות באַ אונזערע טוער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גוט. אָבער דערפאָלגן האָבן צומאָל אויך זייער טונקעלע זייט: טיילמאָל רופן זיי אַרויס איינִיקע געפאַרן, וואָס אויב מע זאָל זיי לאָזן זיך אַנטוויקלען — קאָנען זיי צעשרויפן דעם גאַנצן ענין. ס'איז, צום ביישפּיל, פאַראַן אַ געפאַר, אַז באַ אייניקע חברים אונזערע קאָן אָנהויבן שווינדלען דער קאָפּ פון אַזוינע דערפאָלגן. אַזעלכע פאַלן זיינען באַ אונז געווען, ווי באַוואוסט. פאַראַן אַ געפאַר, אַז ווער פון אונזערע חברים וועט אַ פאַר'שכור'טער פון די דערפאָלגן, אינגאַנצן זיך פאַרייסן און וועט זיך אָנהייבן איינוויגן מיט באַרימערישע לידער, ווי אַ שטייגער, אַז „איצט קאָנען מיר פייפן אַף דער וועלט”, אַז „מיר קאָנען, ווען מיר ווילן מיט די היטלען פאַרוואַרפן”, א. אַז. וו. דאָס איז כלל ניט אויסגעשלאָסן, חברים. קיין זאַך איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי אַזעלכע שטימונגען, ווייל זיי אַנטוואָפענען די פאַרטיי און דעמאָביליזירן אירע רייען. אויב אַזעלכע שטימונגען וועלן זיך פאַרמערן אין אונזער פאַרטיי, קאָנען מיר אַריינפאַלן אין אַ געפאַר אַראָפּצורייסן אַלע אונזערע דערפאָלגן. אודאי, האָבן מיר דעם ערשטן פינפיאָר אויסגעפילט מיט דערפאָלג. דאָס איז ריכטיק. נאָר דערמיט איז די זאַך ניט פאַרענדיקט און קאָן זיך ניט ענדיקן, חברים. עס שטייט פאַר דער צווייטער פינפיאָר און אים דאַרף מען אויך אויספילן און אויך מיט דערפאָלג. איר ווייסט, אַז די פּלענער ווערן אויסגעפילט אין קאַמף קעגן שוועריקייטן, אין גאַנג פון בייקומען שוועריקייטן. הייסט עס, שוועריקייטן וועלן זיין, און ס'וועט אויך זיין אַ קאַמף קעגן זיי. די חברים מאָלאָטאָוו און קויבישעוו וועלן אייך מיטיילן דעם פּלאַן פון דעם צווייטן פינפיאָר. פון זייערע פאָרטראַגן וועט איר זען, וואָס פאַר אַ גרויסע שוועריקייטן אונז שטייט פאָר בייצוקומען, כדי צו פאַרווירקלעכן אָטדעם גראַנדיעזן פּלאַן. הייסט עס, אַז ניט איינוויגן דאַרף מען די פאַרטיי, נאָר אַנטוויקלען אין איר די וואַכזאַמקייט, ניט איינשלעפערן זי, נאָר האַלטן זי אין אַ צושטאַנד פון שלאַכט-גרייטקייט, ניט אַנטוואָפענען, נאָר באַוואָפענען, ניט דעמאָביליזירן, נאָר האַלטן זי אין צושטאַנד פון מאָביליזאַציע צוליב דער פאַרווירקלעכונג פון דעם צווייטן פינפיאָר.

פונדאַנען שטאַמט דער ערשטער אויספיר: *ניט פאַרכלינעט ווערן פון די דערגרייכטע דערפאָלגן און זיך ניט פאַרייסן.*

מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו די דאָזיקע דערפאָלגן דערפאַר, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ ריכטיקע אָנפירנדיקע ליניע פון דער פאַרטיי און האָבן באַוויזן צו אָרגאַניזירן די מאַסן צום דורכפירן אין לעבן די דאָזיקע ליניע. ס'קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, אַז אָן די דאָזיקע באַדינגונגען וואָלטן מיר ניט געהאַט יענע דערפאָלגן, וואָס מיר האָבן איצט און מיט וועלכע מיר שטאָלצירן מיט רעכט. נאָר האָבן אַ ריכטיקע ליניע און קאָנען דורכפירן זי אין לעבן — דאָס איז אַ גרויסע זעלטנהייט אין דעם לעבן פון אַ רעגירנדיקער פאַרטיי. גיט אַ קוק אַף די אַרומיקע לענדער: אַ סך וועט איר געפינען רעגירנדיקע פאַרטייען, וואָס האָבן אַ ריכטיקע ליניע און וואָס פירן זי דורך אין לעבן? אייגנטלעך, זיינען איצט אין דער וועלט ניטאָ אַזעלכע פאַרטייען, ווייל אַלע לעבן זיי אָן פערספעקטיוון, פּלאָנטערן זיך אין כאַאָס פון קריזיס און זעען ניט קיין וועגן אַף אַרויסצוקריכן פון זומפּ. בלויז אונזער פאַרטיי ווייס, וואוהין צו פירן די זאַך, און פירט זי פאַראויס מיט דערפאָלג. וועמען האָט אונזער פאַרטיי צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן פאָרצוג אירן? דעם, וואָס זי איז אַ פאַרטיי אַ מאַרקסיסטישע, אַ לענינישע פאַרטיי. זי

האָט עס צו פאַרדאַנקען דעם, וואָס זי האַלט זיך אין איר אַרבעט באַ דער לערע פון מאַרקס, ענגעלס, לענין. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז ווי לאַנג מיר בלייבן טריי דער דאָזיקער לערע, כל זמן מיר האָבן אין האַנט דעם דאָזיקן קאָמפּאַס, — וועלן מיר האָבן דערפאָלג אין אונזער אַרבעט.

מע זאָגט, אַז אין מערב איז אין אייניקע מלוכות שוין פאַרניכטעט דער מאַרקסיזם. מע זאָגט, אַז פאַרניכטעט האָט אים כלומרשט די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונג, וואָס הייסט פאַשיזם. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאַרישקייט. אַזוי קאָנען בלויז ריידן מענטשן, וואָס ווייסן ניט קיין געשיכטע. דער מאַרקסיזם איז דער וויסנשאַפטלעכער אויסדרוק פון די גרונטיקע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. כדי צו פאַרניכטן דעם מאַרקסיזם, דאַרף מען פאַרניכטן דעם אַרבעטער־קלאַס, און פאַרניכטן דעם אַרבעטער־קלאַס איז אומעגלעך. ס'איז אַריבער העכער 80 יאָר, זינט דער מאַרקסיזם איז אַרויס אַף דער אַרענע. פאַר דער צייט האָבן צענדליקער און הונדערטער בורזשואַזע רעגירונגען געפּרואווט פאַרניכטן דעם מאַרקסיזם. און וואָס? בורזשואַזע רעגירונגען זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, און דער מאַרקסיזם איז געבליבן. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). נאָך מער, — דער מאַרקסיזם האָט זיך דערשלאָגן דערהצו, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון אין איין זעקסטל־חלק פון דער וועלט, דערביי האָט ער זיך דערשלאָגן אַ נצחון אין דעם זעלבן לאַנד, וואו מע האָט געהאַלטן דעם מאַרקסיזם פאַר ענדגילטיק פאַרניכטעט (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). מע טאָר ניט האַלטן פאַר קיין צופעליקייט דאָס וואָס דאָס לאַנד, וואו דער מאַרקסיזם האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן זיג, איז איצט דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס ווייסט ניט פון קיין קריזיסן און אַרבעטלאָזיקייט, בעת אין אַלע איבעריקע לענדער, דערין אויך אין די לענדער פון פאַשיזם, הערשט שוין אָט פיר יאָר קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט. ניין, חברים, דאָס איז ניט קיין צופעליקייט. (לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

יאָ, חברים, אונזערע דערפאָלגן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם, וואָס מיר האָבן געאַרבעט און געקעמפט אונטער דער פאָן פון מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען.

פון דאַנען איז דער צווייטער אויספיר: **בלייבן געטריי ביזן סוף צו דער גרויסער פאָן פון מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען**. (אַפּלאָדיסמענטן).

דער אַרבעטער־קלאַס פון פ. ס. ס. ר. איז שטאַרק ניט בלויז דערמיט וואָס ער פאַרמאָגט די אין שלאַכט־אויסגעפּרואוטע לענינישע פאַרטיי. ער איז שטאַרק, ווידער, ניט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט די אונטערשטיצונג פון מיליאָנניקע מאַסן אַרבעטנדיקע פויערים. ער איז אויך שטאַרק דערמיט, וואָס אים האַלט אונטער און אים העלפט מיט דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט. דער אַרבעטער־קלאַס פון פ. ס. ס. ר. איז אַ טייל פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, ער איז זיין פאָרגעשריטענע בריגאַדע, און אונזער רעפּובליק איז אַ קינד פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. ס'קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז ווען ער וואָלט ניט געהאַט די אונטערשטיצונג מצד דעם אַרבעטער־קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָלט ער ניט איינגעהאַלטן די מאַכט אין זיינע הענט, וואָלט ער ניט באַוואָרנט די באַדינגונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער בויאונג, קורץ, עס וואָלטן באַ אים ניט געווען יענע דערפאָלגן, וועלכע ער האָט איצט. די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען פון דעם אַרבעטער־קלאַס

פון פ. ס. ס. ר. מיט די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער ברידערליכער בונד פון די אַרבעטער פון פ. ס. ס. ר. מיט די אַרבעטער פון אַלע לענדער, אָט דאָס איז איינער פון די ווינקלשטיינער פאַר דער קראַפט און מעכטיקייט פון דער רעפּובליק פון די סאָוועטן. די אַרבע־טער אין מערב זאָגן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פון פ. ס. ס. ר. איז די שלאָג־בריגאַדע פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז זייער גוט, דאָס באַטייט, אַז דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט איז גרייט אויך ווייטער צו שטיצן דעם אַרבעטער־קלאַס פון פ. ס. ס. ר. לויט נאָך זיינע קרעפטן און מעגלעכקייטן. אָבער דאָס לייגט אַף אונז אַרויף ערנסטע פאַרפליכטונגען. דאָס באַטייט, אַז מיר דאַרפן באַרעכטיקן מיט אונזער אַרבעט דעם בכבוד'יקען נאָמען שלאָג־בריגאַדע פון די פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער. דאָס פאַרפליכטעט אונז צו אַרבעטן בעסער און קעמפן בעסער פאַר דעם ענדגילטיקן זיג פון דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, פאַר דעם זיג פון דעם סאָציאַליזם אין אַלע לענדער.

פונדאַנען קומט דער דריטער אויספיר: בלייבן געטריי ביזן סוף צו דער זאַך פון דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, דער זאַך פון ברידערלעכן בונד צווישן די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער. (אַפּלאָדיסמענטן).

אָט דאָס זיינען די אויספירן.

זאָל לעבן די גרויסע און ניטבאַזיגבאַרע פאָן פון מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען!

(שטורמישע, לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן פון דעם גאַנצן זאַל. דער צוזאַמענפאָר מאַכט חבר סטאַלינען אַן אָוואַציע. געזאַנג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל". נאָך דער דורכפירונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" ווערט די אָוואַציע באַנייט מיט נייער קראַפט. אויסגעשרייען: „הוראַ סטאַלינען!", „לעבן זאָל סטאַלין!", לעבן זאָל דער צ. ק. פון דער פאַרטיי!").